STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08992

GEZANGEN FAR SHOLEM UN FREYD

David Seltzer

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

125

ד ו ד   ס ע ל צ ע ר

געזאַנגען פאַר שלום און פרייד



ג ע ו ו י ד מ ע ט

מיינע קינדער און אייניקלעך

ביכער פון דוד סעלצער

„בעסאַראַבער לידער", 1937
„בראָנזווילער געזאַנג", 1942
„די אויסגעבענקטע שעה", 1947
„בילדער און געשטאַלטן פון סאָראָקי", 1961

דוד סעלצער

גענזאַנגען

פאַר שלום און פרייד

גענזאַמלטע צייט־לידער
פון פיר דעקאַדעס

אַריינפיר־אָפּשאַצונג פון
אברהם ביק

פאַרלאַג „וואַלדהיים" • ניו־יאָרק, 1964

DAVID SELTZER

GEZANGEN FAR SHOLEM UN FREID

SONGS FOR PEACE AND JOY

Timely Poems of Four Decades

Copyright 1964 by
DAVID SELTZER
59-55 47th Avenue
Woodside 77, N. Y.

Published by
"WALDHAIM" BOOK COMMITTEE
New York, N. Y., U.S.A., 1964

MANUFACTURED IN THE UNITED STATES OF AMERICA
BY NEW UNION PRESS, NEW YORK
412

אַ וואָרט פון דעם מחבר

אין דער דאָזיקער זאַמלונג פון אויסגעקליבענע לידער איז בלויז אַ העלפט שוין פריער געווען פאַרעפנט־לעכט אין צייטשריפטן און דערנאָך אין מיינע ערשטע דריי בענדער, אָנהויבנדיק מיט דעם לידער־קראַנץ „אויפגאַנג״, אין דער „פעדער״, אין 1924, דורך דער „פרייהייט״, „יונג־קוזניע״, „האַמער״, „סיגנאַל״, „אויפקום״, „פונקען״, „יידיש־אַמעריקע״, „היינטיקע לי־דער״, „יידישע קולטור״ און „זאַמלונגען״. ווי ווייט מעג־לעך זיינען די לידער דאַטירט מיטן יאָר ווען זיי זיינען גע־שריבן געוואָרן.

דער געדאַנק אַרויסצוגעבן אַזאַ באַנד לידער, צו דער געלעגנהייט פון מיין זעכציקסטן געבוירנטאָג געהערט מיין טייערער פרוי איטקע און דעם בוך־קאָמיטעט מיט די פריינט יעקב לוסקין און מענדל נירמאַן בראש. איך וויל דאָ אויסדריקן מיין האַרציקע דאַנקבאַרקייט צו זיי און צו אַלע ספּאָנסאָרס, אָרגאַניזאַציעס און יחידים.

אַ דאַנק קומט אויך דעם אייגנטימער און די אַר־בעטער פון דער דרוקעריי, דעם „בחור הזעצער״ ה. לינדער און די מייסטער־איינבינדער א. מאַגידסאָן און חיים קאַפּילאָוו פאַר זייער גוטער אַרבעט.

אַ יישר־כּוח און אַ דאַנק מיין חבר און קאָלעגע אברהם ביק, פאַר זיין אַריינפיר־וואָרט.

אַלעמען צוזאַמען און יעדערן באַזונדער — אַ דאַנק.

דוד סעלצער

דאָס ליד וואָס איז „קוואַליק און לינד״

(במקום הקדמה)

נִיט ווייניק גרויסע דיכטער האָבן אָנגעדייט אויפן קוואַל פון זייער דיכטונג, דערציילט דעם אויטאָביאָגראַפישן מקור פון זייער ליד. דער רוסישער פּאָעט־גיגאַנט פּושקין, דער אָפּשטאַמיקער פון פּריצים, האָט געזאָגט, אַז די דיכטונג איז געקומען צו אים פון אַ „זעקס־פליגלדיקן מלאך״; דער העברייאישער יהודה ליב גאָרדאָן, דער „לייב פון דער השכלה״־עפּאָכע, דערציילט, אַז זיין פּאָעזיע נעמט זיך פון „אַן אָנגעהייצטן קאמין״; דער געניאַלער העברייאיש־יידישער חיים נחמן ביאַליק דערציילט, אַז זיין ליד האָט ער געירשנט פון דעם גריל, וועמען ער באַצייכנט ווי דעם „זינגער פון דלות״ אין זיין אָרעמער הויז.

ביי די מערסטע יידישע פּאָעטן פון מזרח־אייראָפּייאישן יידישן שטעטל, אין פּוילן, ליטע, אוקראַינע און בעסאַראַביע, איז דער קוואַל פון זייער ליד, — סיי פון דער יהידישער ליריק און סיי די פּאָעזיע, וואָס זיי האָבן געשטעלט אין דינסט פון סאָציאַלע מאָטיוון, — געווען די טיפע פאָלקסטימלעכקייט.

ס׳איז אַן אָנגענומענער כּלל, וואָס איז ענלעך צו אַ נאַטור־געזעץ: אויב עס שלאָגט ערגעץ אַרויס אַ קוואַל מוז די נאַטור אַרום פאַרמאָגן וואַסער, אויב ניט וואָלט דער קוואַל ניט געקענט געבוירן ווערן. אויב די מענטשהייט האָט אַרויסגעגעבן קינסטלער האָט זיכער די מענטשן־מאַסע, דאָס פאָלק אין איר געווען די גרעסטע קינסטלערישע פּאָטענץ. יעדע גרויסע דערשיינונג אויפן געביט פון מענטשלעכן שאַפן איז אייגנטלעך אַ געשטייגערטע לייסטונג פון טעטיקייטן, וואָס זיינען אַקטיוו אין יעדן מענטשלעכן קאָלעקטיוו. באַזונדערס איז עס אמת אין דער קונסט. אויך די דיכטונג איז מעגלעך געוואָרן, ווייל זי איז געוואָקסן אויף אַ פּאָעטיש־אָנגעזאַפּטן באָדן פון דער פאָלקסטימלעכער דיכטונג. פאָלקלאָר מיינט ניט נאָר פאָלקס־חכמה, נאָר אויך פאָלקס־שאַפן, פאָלקס־קונסט, פאָלקס־געזאַנג.

* * *

דוד סעלצערס יידיש ליד איז דורכאויס אַ ליד, וואָס קוואַלט פון זיין היים און לאַנדשאַפט, פון זיין בעסעראַביש שטעטל און פּייזאַזש. ניט אומזיסט זאָגט דער דיכטער, אינעם אַריינפיר צו זיינע פּראָזאַאיש־פּאָעטישע „בילדער און געשטאַלטן״ (ניו־יאָרק, 1961): „פרעגט מיך ניט, וואו עס הייבט זיך אָן דער פאָלקלאָר און וואו מיינע אייגענע דערפאַרונגען. ס׳איז איין אמת — דער פאָלקלאָרישער דיכ־

טערישער, סימבאָליש־קינסטלערישער אמת — דער אמת פון דורות סאראַקער גע־שטאָלטן־נשמות״. זיין היים־שטעטל סאראָקי, וואָס ער באַצייכנט ווי אַ „טרויבן־באַרג״.

ווי ט׳רוב יידישע דיכטער טראָגט אויך דוד סעלצער אין זיך די בענקעניש נאָכן שטעטל, און אויף וויפל ער זאָל ניט האָבן געשעפּט אָנרעגונגען פאַר זיין פּאָעטישער טעמאַטיק פון דער אַמעריקאַנער גרויס־שטאָט, האָט ער די שטעטל־ראָמאַנטיק ניט פאַרלאָרן. פונעם טאַטנס שניידער־מאַשין און „זיידנס וואָלעכל״ האָט ער מיטגענומען די „זמירות פון קאַמף״, און אים „ביז ניו־יאָרק דערטראָגן״, און ניו־יאָרק מיינט „שאַפּ״, מיינט „בראָנזווילער צענטער״, מיינט גרויס־שטאָט, וואו עס ברויזט מיט הייסן אָטעם פון סטרייקן און אַרבעטער־דעמאָנסטראַציעס און בונט־פאַרביקן פּראָטעסט.

סעלצערס ליד געהערט ניט צו דער אַזוי־גערופענער „אָפּגערונדערטער קאָמפּאָזיציע״. זיין פּאָעזיע איז ניט רייך אין אימאַזשיניזם פון אָנגעהויפטע מעטאָפאָרן און בילדער־געפלי. עס איז אַ דיכטונג, וואָס איז קרוביש — אָפּט שוין צו־נאָענט — צו פאָלקס־דיכטונג. ער נוצט די שפּראַך פון זיין בעסעראַביער פאָלקס־שטאָם, וואָס איז באַלאָדן מיט באַחנטע העברייאיזמען און באַ׳טעמ׳טע סלאַוויזמען, ווי „צע־זמירות׳ן״, „מה־יפה׳עכ״, „באַינע״, „טשערעט״, „טערפקע״ א. אַז. וו. סעלצער האָט אומעטום די זעלבע טעכניק. איר וועט ביי אים ניט טרעפן קיין שום אָפּנויג פון פאָרם, אפילו אין מער ערנסטע סאָציאַלע קאַמפּס־לידער איז פאַראַן דער זינגעוודיקער פאָלקס־טאָן, די קלאָרע ריטמישע לייכטקייט, וואָס דערציילט זינגעוודיק. סיי וועגן דער בעסאַראַביע, וואו —

„קרענצלעך טרויבן פון דעם אַלטן גאָרטן
טעמים טערפקע, זויער זיס.
ס׳האָט די זון זיי אויסגעבראָטן
פאַר דעם קבצנס שבת־טיש״.

און סיי וועגן דער בעסאַראַביע, וואו ייד און פויער, וואו יידישער באַלמעלאָכע און ניט־יידישער סטעפּישער פּאַסטוך, זיינען געוועזן פאַרברידערט און ביז גאָר ענלעך.

„שפּיל מיר אַ דאָינע, וואַסילי,
אַזוי ווי געשפּילט האָט טשובאַן,
אין דאָינעס צעבלעזלטע שטילע
איז אומרו און פייער פאַראַן״.

און דער זעלבער ריטמישער ניגון אויך וועגן בראָנזוויל, האַרלעם און צוויי פאַרליבטע הירשן, ערגעץ אין וואַלדהיים, צווישן די שיטערע וועלדלעך און ביי די פלאַכע טייכן פון ניו־דזשוירזי.

* * *

סעלצערס ליד איז דורכאויס נאָענט צום פאָלקישן ליד, אָבער ווי אַ דיכטער מיט אַ סאָציאַל־פּראָגרעסיוון קעמפערישן וועלט־באַנעם איז ער ניט געבליבן ביי

אַ זייטיקער ווינקלדיקער טעמאַטיק. ער איז ניט פאַרבייגעגאַנגען דעם גרויסן און ברייטן געשעעניש־וועג, וואָס אונדזער אַמעריקאַנער און יידישער דור האָט דורכ־געמאַכט. זיין ליד קרייזט דעריבער טעמאַטיש ניט נאָר אַרום שטעטל און דער לאַנדשאַפט פון זיין געבוירן־לאַנד בעסעראַביע, נאָר אויך אַרום שטעט און לאַנד־שאַפטן פון פעלקער און לענדער. ער זינגט ניט נאָר וועגן דניעסטער און פרוט, נאָר אויך וועגן מיסיסיפּי און ירדן; ניט נאָר וועגן סאראָקי, נאָר אויך וועגן חיפה און נגב, וועגן ניי־אַמעריקע (אין די איצטיקע ניי־דערוואַכטע קאַמפן פונעם נעגער־פאָלק) און ניי־ישראל.

דערביי, דאַכט זיך מיר, אַז זיין ישראל־ליד איז רייפער פון זיינע ערשטע דיכ־טערישע פּרוואוו־טריט וועגן בעסעראַביע און ניו־יאָרק. אין ישראל־ליד האָט ער זיך דערהויבן איבער לייכטן גראַמען־זשאַנר. זיין קורץ־געגראַמטע שורה איז גע־וואָרן בילדלעכער און אָנגעלאָדענער. איך האָב אינזינען אַזעלכע פערזן, וואו דער גראַם איז שוין צוגעפּאַסט צו דער אָנגעלאָדנקייט, וואָס די שורה פאַרדינט. אַזעלכע זיינען די פיינע לידער: „דער כרמל", „קיסריה" און „היימישע ערד", וואו די אידייע, דער אינהאַלטלעכער זין איז איינס מיטן בילדערישן וואָרט, מיטן מעטאפאָר:

„און דער חרמון פונדערווייטנס
שמייכלט מיט די ברעמען שניי,
און דער ירדן, ווי פּאַרצייטנס,
מורמלט מיט זיין העלן גיי".

(„דער כרמל")

„עס ליגט דאָ דאָס קייסערטום
נאַקעט, פאַרשטיינערט,
דאָס זאַמד ווייעט אום
און שאַנעוועט קיינעם".

(„קיסריה")

די ישראל־ערד, וואו דער דיכטער קומט צוגאַסט, שמעקט אים מיט היימיש־קייט, „ווי די גערטנער און טאָלן פון דניעסטער". און כאָטש, ווי ער זאָגט און זינגט:

„מעג פרעמד זיין דער שטעכיקער סאַבראַ,
ניט היימלעך דער שטויב פון כאַמסין,
די רייד וואָס דער כנעני צעדבערט,
דער צוואַנג־קלעם פון קלערישן דין —

דאָך העלט אין קיבוץ האַרוואַניע
און עס שטראַלט דאָרטן וועלטלעכער חלום,
אַז אין חיפה, אין יפו און דגניה
וועט נאָך פלאַטערן אחוה און שלום".

מיינע איינדרוקן וועגן דוד סעלצערס פשוט ליד וויל איך פאַרענדיקן מיט שורות פון זיין ליד „נישט בלויז פאַריתומטער עמער״, וואו ער דעקלאַרירט זיין מונטערן און גלויביקן בטחון און וואָס קלינגט אַזוי פאַרשיידן פון אַ סך יללות פון די בירגערלעכע פעסימיסטישע חורבן־קלאָגער:

„נישט בלויז פאַריתומטער עמער
געבליבן איז הענגען איבער חרובן ברונעם.
אַ זון פון דעם פּאַסטוך מיט יונגינקע לעמער
נידערט ווידער פון באַרג און וועט קומען.

„דער פּאַסטוך מיט זיין נייעם געזינד
וועט גראָבן אין זאַמדיקער טיף,
און שלאָגן וועט קוואַליק און לינד
אַ וואַסער מיט טויאיקן טריף.

„און דער טאָל וועט נאָך הילכיק צעקלינגען
דאָס נעגלען פון אַ דעמבענעם שייער,
און אין בלוי וועט די טרייסט נאָך פאַרשווימען
מיט דעם רויז פון אַ היימישן פייער".

צו דער געלעגנהייט פון זיין איינזאַמלען זיין ליד אין זיין פּאָעטישן שייער, ווילט זיך ווינטשן דוד סעלצערן, ער זאָל ווייטער טראָגן דעם „היימישן פייער״, און זיין ליד זאָל ווייטער שלאָגן „קוואַליק און לינד״.

אברהם ביק

יאַנואַר, 1964

אינהאַלט

1. דעקאַדעס

דעקאַדעס 15
אין יעדער דור 15
זינג, זינגער 16
אַלמאַ מאַטער 16
צו מיינע לידער 17
דאָס נאָך־ניט־אויסגעזינגען ליד 18
מיין האַרץ 18
איך שמיד 18

2. שטעטלדיקע יאָרן

קליין שטעטעלע מיינס 21
דאָס שטעטל 22
רייזל 23
בלעטער־זשום 23
באַנגיקע דאָרפישע נאַכט 23
באַלאַדע 24
שיינע־זלאַטע 25
הערשעלע 25
שיינע־איידל 26
אוי, אַ חתונה 26
אַ טאַטנס געשאַנק 26
אַ שטיבעלע אַ קליינס 26
מאַיאָווקע 27
ער האָט געווערט זיך 27
וויג־ליד 28
מיין זיידנס אַ וואָלעכל 28
מיין פעטער בערל 29
אין קוזניע 30
מאַמע ליבע, בעסאַראַביע 34

3. אין לאַנד פון כמי

פּליטים 37
טראָג מיך, שיף 41
אַמעריקע 41
שטאָט 42
מאַנהעטן 42
פרייד 43
שאַפּ 43
די יוניאָן 44
אַרבעט 44
הונגער 44
געוואָרפן די אַרבעט 45
אויף שוימיקער גריווע 45
בלייב מיט מיר 45
דערוואַכונג 46
מאַי 46
אַ נאַכט־מוזיקאַל 47
די ווייזערלעך ביידע 47
דאָרט וואו מאַנהעטענער גאַס 48
כ׳האָב ליב אַ געצעלט 48
ווינטער־אידיליע 49
ביים שייטער 49
שטאָל און אייזן 50
צו דער יוגנט 51
דאָ־הי איז דאָס לאַנד 52

4. בראָנזוויל

בראָנזוויל 55
זעכצן 56
אַ נייע היים 56
ברידער 57
בראָנזווילער צענטער 57
יידישע שול 58
דאָנכין 59
דערציילט מיר 60
פייגל 61
יאָסל 61
בושקע 61
גרשון 61
פוליע 62
היימאַן 62
בעל 63

סאל ... 63
דו פרעגסט מיך ... 64
ביל פּאַסטער ... 64
שפּאַניע ... 66
בראָנזווילער זינגער ... 67
איטקע ... 67
פרילינג ... 68
קום, איטקע ... 68
ראָמאַנס ... 69
אַ גאָרטן ... 69
ערשט נעכטן ... 70
ראַכמיל ... 70

5. פאַרברידערט אין בלוט

דער פרייהייט־מאַרשרוט ... 73
דאָס קינדערשע בלוט ... 73
געפאַלן איז דיין טאַטע ... 74
פאַרברידערט אין בלוט ... 74
ברידער־גאַס ... 75
וויג־ליד ... 75
האַרלעם ... 76
אין אָוונט ... 76
דער איינזאַמער וועג ... 76
עס שרייבט דער מאַן ... 77
ווייט פון דער היים ... 77
דער טורמע־שליסל ... 78
קלאָוד ניל ... 79
זון פון אַלאַבאַמאַ ... 79
נעגער און ווייסע ... 80

6. אַלע מענטשן

אַלע מענטשן זיינען ברידער ... 83
דאָס מענטשלעכע געזאַנג ... 84
הערט זיך איין ... 86
כל־זמן ... 87
דער אָדלער פאַרשפּאַרט ... 87
ווי דעם געפאַלענעם אָדלער ... 88
גאָלד און זילבער און בריליאַנטן ... 88
עס וועט אייביקייט געדענקען ... 89
העלע האָריזאָנטן ... 90
נישט בלויז פאַריתומטער עמער ... 91
זאַמל־איין ... 92
דאָס היימישע ליד ... 93
משה דעם שניידערס ... 94
אַ מיידל מיט אַ ליכטיקן פּנים ... 96
לינקאָלנס געשטאַלט ... 97
די באַלאַדע קעגן קריג ... 98
לידער וועגן שלום ... 100
אין ווירבל־שטראָם פון לעבן ... 103

7. לידער פון ישראל

אויף פליגלען פון פרילינג ... 107
היימישע ערד ... 107
אַלייען שלאַנקע ... 107
חיפה ביינאַכט ... 107
דער כרמל ... 108
קיסריה ... 108
נצרת ... 108
כנרת ... 109
אַראַבישע דערפער ... 109
צפת ... 109
מתולה ... 110
תל־אביב ... 110
ירושלים ... 110
פון באר־שבע ביז סדום ... 111
געזאַנג פון קיבוצים ... 111
פורים אין עין־השופט ... 111
דגניה ... 112
קיבוץ לוחמי־הגיטאות ... 112
תל־חי ... 113
יד־מרדכי ... 113
דליה ... 113
יד־חנה ... 114
אייערע שענסטע בלומען ... 114
חנהלע פון אשדות־ים ... 115
גבעתי ... 115
אלישבע ... 115
ורדי ... 116

פריידל 116
דער פּאַסטוך־קריגער 117
דאוד 117
די פּאַן פון שלום 118
שלום־עליכם אין בערג פון אפרים 118

8. געזאַנג פון פעלקער

פון סאָוועטישן פאָלקלאָר 121
אינדיאַנער געזאַנגען 129
נעגערשע מאָטיוון 133
בעסאַראַבער לידער 136
פון ווייטן־מזרח 145

9. וואַלדהיים

כ׳וועל קומען צוריק 155
באַגער 156
דאָס האַרץ איז היינט אָפן 156
אַהיימקער 157
צוויי הירשן 157
שלום־ליד 158
שטורעם־צייט 158
מענטש 159
דער שלאָף 159
טאָג 160
נאַכט 160
אין גאָרטן 160
פרימאָרגן 160
אינדיאַנער זומער 161
מאגאריטקע 161
מענדל גראַמאַפּאָן, מישא באַריטאָן 162
פרילינג 163
שעפּסן רוען 163
אָוונט־ליד 163
מיין רעגנבויגן 163
דער נאַכט־וואָרבלער 164
באַנען 164
ווי די טראָפּנס טוי 164

10. קינד און קוויט

דאָרט געשעען שטענדיק ניסים 167
קינד און קוויט 167
פליטערט, פלאַטערט 167
פון ערד, און פון וואַסער און זון 168
דער ברוינער הונט און די רויטע קאַץ 169
דאָס ווייסע קעצל 169
הינדעלעך און פייגעלעך 170
פייקל, פייקל, פייקעלע 170
דאָס קעצעלע ליבט 171
פריינט 171
דאָס פאַרפּלאָנטערטע הינטל 172
דער גאָנער 172
דער זוניקער זייגער 173
צוויי בערעלעך 173
דאָס גענדזל 174
קינדער 174
די מאַלפּע 174
דאָס לאָשיקל 174
דער גרינער פראָש 175
אונטער אַ פּיצעריצע 175
הערשל ווערט אַ פרעשל 176
ווינטער ביים טייכל 177
הערשל און רייזל 178
אַ בלומען־קראַנץ דער מאַמען 179
דערציייל אונדז 180
אַ ברכה איבער ברויט 180
עס ווייַנט מיין מאַמע 181
דער טרויעריקער לץ 182
דאָס ליד פון גרויסער נויט 183
דאָס ליבע־בריוול 184
איך האָב אַ וועלט מיט פעטערס 185
אַ גרוס פון שוואַרצן ים 186
מיין זיידנס אַ מעשה 187
מאַסן — מיליאַסן 188
צעפּינקלטע שטערן 189
אַ בוך איז אַ בוים 190

1.

דעקאַדעס

דעקאַדעס

איך האָב פיר־צענדליק יאָר געאָטעמט בראַנדיק ליד
אין גרויסשטאָט, אין קרייז פון אָרעם־מאַלצייט ברויט.
און ס'האָט מיין פערז אין אייגן בלוט זיך אָנגעגליט
און זיך געשליפן איבער שאַרפשטיין פון דער נויט.

איך האָב צו צוואַנציק יאָר אַליין זיך רעקרוטירט
און אַוועקגעטראָגן פולווער־האַרץ אין לאַגער פון מיין קלאַס
און ס'האָבן טרייע קריגער מיט ליבע מיך באַווירקט
און מיך געלערנט אויסשיילן דעם צאָרן פון דעם האַס.

אָ, מונטער־צאָרנדיקע, שטער־און־שאַפנדע דעקאַדעס,
אין אייך געצייטיקט, ווי אין פעלד, האָט מיין בונטאַריש ליד;
אַ לויטערער בין איך אַרויס פון אונטער אייער קאָוואַדלע
און פריידיק העלט מיין היינט מיט מאָרגן־שיין באַגילדט.



אין יעדער דור און יעדער האַרץ

ווי קליין קוקן־אויס די יאָרן אין חשבון פון די דורות,
ווי נישטיק איז איינאיינציק לעבן אין דעם גרויסן כלל,
דאָך ריזיקן דעקאַדעס פון אונדזער בלוטיקן יאָרהונדערט
און האָפערדיק איז העלדן־מוט אין קאַמפן איבעראַל.

אויב וועלט קומט־אויף־און־אום אין יעדן טראָפּן טוי,
און עפּאָכעס גאַנצע לייענען זיך אַרויס פון טויטן קוואַרץ,
קען אונדזער צייט זיכער זיך אין יעדן דור דערקענען
און יעדע לייד־פולע נשמה אין אַ צווייטנס וואונדיק האַרץ.

זינג, זינגער

זינג, זינגער, אונדז דאָס ליד פון מוט
מיט רייד וואָס קלאָרן און באַזינען,
פון פּלייצעס אויסגעשטאָלט אין גלות,
פון הענט וואָס רודערן מאַשינען.

צעגלי אין אונדז דעם פונק פון מענטש,
צעבלאָז אין בלוטן צאָרן-פייער,
צעפלאַטער הערצער, שפּראַך און הענט,
צעפלאַקער אויגן — העלער, פרייער.

צעוויקל פלאַמיק אונדזער פאָן
און רוף צעשאַל אין אַלע וייטן —
דאָס לעבן אונדזערס מאָנט
פאַרלוירן גליק פון אַלע צייטן.

„אַלמאַ מאַטער"

צו דיין וואַרשטאַט פון וואָרט און זילבן,
צום פען-געוועט פון שרייב-געזעלן,
געקומען בין איך ווי אַ פרישלינג-שילער
און פלאַטערדיק אַריבער צוויבער-שוועלן.

צו דיינע נייעס-געדעקטע לאַנגע טישן
אין ציטער בין איך דורשטיק צוגעפאַלן
און כ'האָב געשעפּט מיט פולע זשמעניעס
די לעבעדיקע פרייד פון דיינע קוואַלן.

אַ שמיראַליקער כ'פלעג קומען אין באַגינען
און ערשטער פינגערן די בלעטערדיקע גרוסן.
פון גאָרער וועלט אויף אַלערליי פאַפירן
פלעגט טינט אויף בלאַנקען זיך צעשמועסן.

אַ צונטערער כ'פלעג שפּעט אין די ביינאַכטן
שטיין לעצטע וואַך אָרום די „טיק"-מאַשינען
און פאַסמעס ווערטער— פרייד און ליידן —
אין וואונדער-מעשהלעך צעשפּינען.

אין מעש־געקלאַנג כ׳פלעג נאָכטאַנצן די זעצער,
וואָס שפּילן לעצטע שורות אויף קלאַווירן
און נאָכיאָגן דעם הייסן בליי ביז דרוק־מאַשינען
און ערשטער זיך מיט דיר באַצירן.

און ווען אין ווייטן פּרעכטיקן דעטראָיט
איך פלעג דיך אָפּוואַרטן אויף באַנען,
מיין האַרץ פלעגט בענקען נאָך דיין וואָרט,
ווי ס׳גאַרט אַ קינד נאָך ליבער מאַמען.



צו מיינע לידער

איך האָב אייך, לידער, דורכגעטראָגן
אין אַלע טרוימען פון באַשאַף,
אין ווייען און אין גאַרן,
מיט אַלע פריידן פון אַ מאַמען.
און עס האָט די צייט אייך ווייט פאַרטראָגן
צום שאַצערס קיזלדיקער שאַרף,
צום זינגערס סטרוניקער גיטאַרע,
צום מאַן פון מי אויף אַלע ימען.

טראָגט־זשע, קינדער, שטאָלץ אייער שטאַם,
פון האַרעפּאַשנעם דאָרף און פעלד,
פון פּראָלעטאַריער אין דער פאַבריק,
פון ימלער איבער אַלע ימען.
אינמיטן שטראָם, אין שרפה־פלאַם,
ביי גרענעצן צום קאַמף געשטעלט,
ביים סאַמע ראַנד פון לעצטער בריק —
געדענקט דאָס וויג־ליד פון דער מאַמען.

דאָס נאָך־ניט־אויסגעזינגען ליד

טינט און בלוט אין יעדן אָדער,
גליאיק בליי אין מיין געמיט.
טיף אין האַרץ עס רודערט —
דאָס נאָך־ניט־אויסגעזינגען ליד.

עס יוירן צעווייטיקטע פאַרלאַנגען
דורך מיינע פינגערס צאַרטן רין,
און די מעש־צעטאַנצטע זילבן־קלאַנגען
שפּילן איבער לינאָטיפּ־מאַשין.

און אין די פורעמס איינגעשלאָסן
די ווערטער זינגען נאָכאַנאַנד,
און די בלעטלעך־פרייד צעפלאָסן
בינדן זיך אין לידער־באַנד.

טינט און בלוט אין יעדן אָדער,
גליאיק בליי אין מיין געמיט,
טיף אין האַרץ עס רודערט —
דאָס נאָך־ניט־אויסגעזינגען ליד.

1962

מיין האַרץ

אַ דאַנק דעם בלעזלענדיקן וואַסער־קוואַל,
אַ דאַנק דעם גרינעם האָריזאָנט,
וואָס האָבן אויפגעהעלט דיין סומנע בליק
און האַבן דיר אָן מיר דערמאָנט.

נאָר כ׳האַב שוין לאַנג דעם סטעפּ פאַרביטן
אויף כוואַליענדיקן בלענד פון אָקעאַן,
און פּאָניק פלאַטערט אום מיין האַרץ
וואו שטורעם־ווינט איז נאָר פאַראַן.

איך שמיד

איך שמיד מיין צוקונפט,
שמיד און שמיד,
און מיטן קלאַנג פון האַמער
הילכט מיין ליד,

מיין ליד פון טרערן,
פרייד און פּיין,
מיין ליד אין ווערן,
מיין ליד אין זיין.

1924

2.

שטעטלדיקע יאָרן

קליין שטעטעלע מיינס

קליין שטעטעלע מיינס
ביי די ברעגן פון דניעסטער,
פאַרחלשטע פראַכט
ביי די גערטנער פון אוקראַינע,
ס'האָט דיין מאַמעשער יעכ'ן
ביז ניו-יאָרק דערטראָגן
דעם בלוטיקן רוף
פון פינף קינדערלעך דיינע.

ס'האָט ווי ראַדיאָ-בליץ
זיך אין לופטן צעשניטן,
פון רומענישע ביקסן
דער נאַכטיקער שאָס,
און בלוט האָט באַשפרינקלט,
און טויט האָט באַפלעקט
דעם שנייאיקן ברעג
דאָרט ביים טערקישן שלאָס.

און אויף יענער זייט טייך
האָט דער רויטער פּאַטרול
דורך פראָסט און דורך שטורעם
אַ שווידער דערהערט,
ווי עס ראַנגלט זיך
מיידלשער יאָמער אין טאָל
און יינגלשער פלוך
אין אַנגסטן זיך ווערט.

און געריסן האָט האַרץ זיך
אַרויס פון דער ברוסט
און פינגער אין ביקס
אויף באַפעל האָט געוואַרט,
נאָר דניעסטער אַ פרעמדער
געגרענעצט האָט שפרונג,
זיינען ווייען אין האַרצן
געבליבן דערשטאַרט.

אַ, קליין שטעטעלע מיינס,
ביי די ברעגן פון דניעסטער,
כ׳האָב פון קינדווייז געחלומט
באַזינגען דיין פּראַכט,
כ׳האָב אין הארצן געקליבן
דאָס שפּילן פון טרויבן,
כ׳האָב אין בליקן געזאַמלט
דעם צויבער פון נאַכט.

כ׳האָב אין בלוטן ספּאַלאַשעט
די סטעפּישע פרייד,
דאָס בלעזלען פון דאַינעס
און די לוסט פון פאַרניאַלעס.
כ׳האָב פאַרנומען ס׳געזאַנג
ביי דער שניידער-מאַשין,
די זמירות פון קאַמף
און דעם טרויער פון דלות.

נאָר ווי קען איך איצט זינגען
עקזאָטישע לידער,
אַז דער דניעסטער יאָגט בלוטיק
אַרונטער צום ים,
אַז דאָרט וואו פאַרזייעט
האָט מען קאָרן און טרויבן
שנײַדט מען איצט טויט
מיט שווערד און מיט פלאַם.

אַ, קליין שטעטעלע מיינס,
ביי די ברעגן פון דניעסטער,
לאַנד מיינס פון פעלדער,
פון בעזענע סעדער אין גרין,
כ׳וועל איצט זינגען אַ ליד
פון בלוט און פון צאָרן
און שענקען אַ לויב
דיינע העלדישע זין.

1932

דאָס שטעטל

שטיל און פאַרשלאָפן דאָס שטעטל,
מיט בלעכן, מיט שינדל און שטרוי,
נאָר עס שמייכלען די גרויענקע דעכער
ווען עס גאָלדיקט די זון איבער בלוי.

פאַרלאַטעט און בלינד זיינען שויבן
דורך טעג, דורך נעכט אָן אַ צאָל,
נאָר אַז יום-טוב קומט פאַרכטיק געהויבן,
צעפינקלען זיך ליכטלעך-קרישטאָל.

פאַרוויינט די געזיכטער פון מאַמעס,
פאַרחושכט די טאַטעשע וויעס,
נאָר אַז מאָלצייט איז זעטיק מיט טעמען,
צעזמירותן אויגן — ישועות.

פאַראומערט, פאַרבענקט איז די יוגנט,
פאַרצאָרנט, פאַרביילט איז געזעל,
נאָר אַז מאַי וועקט פון וואָכיקער טוגנט
צעפלאַטערן הערצער זיך העל.

1960

ר י י ז ל

צוקאָפּנס די בערג און צופוסנס דער טייך,
און אינמיטן דאָס שטעטל פון ווייטרויבן־סעדער,
און מיך דעם לויפער און שווימער אָן גלייך,
האָט מען פאַרשפּאַרט אין אַ פינצטערן חדר.

וואָס טויג מיר פון הומש דעם כרמל מיט טופּעס,
אַז כ׳זע צייטיקע טרויבן דורך פענצטער.
וואָס טויג מיר שלמהס זיסע מה־יפה׳עס,
אַז ס׳איז רייזל פון די רויזן די שענסטע.

איך מאַך־צו געצוואונגען די אויגן
צו פאַרנעמען „דאָס געזאַנג פון געזאַנגען",
נאָר מיין האַרץ ווערט צום דרויסן געצויגן,
צום צויבער פון די מיידלשע קלאַנגען.

1960

בלעטער־זשום

בלעטער שושקענדיקער זשום,
פרישע אָטעמדיקע צוויטן,
בערג צעכוואַליעט בלוי אַרום,
דאָרף און טייך אין מיטן.

קלאָען פלאַפּלענדיקער גאַנג
פּאַטשט אויף פאָרעך־וועגן,
קערנער פלאַטערדיקער זאַנג
סטרונעט ווינט אַנטקעגן.

לאָנקעס ליולענדיק מיט גלעקל
שלעפּערן די שעפּס און קו,
ליפּ צעציטערט איבער שטעקל:
דודל, דודל, דו.

1924

באַנגיקע דאָרפּישע נאַכט

באַנגיקע דאָרפּישע נאַכט,
פּייערל פלאַטערט אַ טרוים,
מיידלשער בליק זיך פאַרטראַכט
שטריקנדיק העמדישן זוים.

יינגל אין פענצטער פאַרקוקט
טענערט אַ לירלדיק ליד,
מיידלשע ברוסט זיך צעצוקט
פילנדיק קומענדיק גליק.

פייערל צאַנקט געגן שטערן,
שעפּטשעט דער האַלבנאַכט אַ סוד,
אַז שאָטנס פאַרקניפּט אין באַגערן
ציטערן פרייד און גענאָד.

באַלאַדע

כ׳וועל דיר זינגען אַ ליד
וועגן אַ מיל אין טשערעט.
עס וואוינט דאָרט אַ ייד
מיט צוויי טעכטער ביים ברעג.

די יינגסטע האָט אויגן,
וואָס פינקלען ביינאַכט;
די עלטסטע איז שטענדיק
פאַרוויינט און פאַרטראַכט.

ביי דעם זילבערנעם טייך
שלייכט אַ נאַכטיק געשטאַלט.
אַ בחור זיך גנבעט
צו דער מיל דורך וואַלד.

די יינגסטע זי לויפט
און פאַלט צו זיין ברוסט.
די עלטסטע דורך פענצטער
שלינגט טרערנדלעך גלוסט.

ביי דער מיל איז אַ פרייד,
ס׳מאַכט אַ כוסע דער ייד.
און פידל און פלייט
שפּילן התונה-ליד.

די יינגסטע מען פירט
מיט קלעזמאָרים אַהיים,
די עלטסטע ביים טייך
וואָגלט אום דאָרט אַליין.

1940

שיינע־זלאַטע

צווישן שוסטער־גאַס און באָד־גאַס,
סאַמע ביי דער גרויסער בלאָטע,
וואוינט דער שניידער אברהם־איצי
מיט זיין טאָכטער שיינע־זלאַטע.

זיצט ער ביי דעם וואַרסטעט,
ציט די פעדים הער און הין
און זיין בלאָנדע שיינע־זלאַטע
טאַנצט אויף טרעטער פון מאַשין.

זינגט ער זיך אַ „יעלה״־ניגון
און פאַרגייט זיך אין דער שטיל,
און זיין זלאַטע האַלט אים אונטער
נאָר איר האַרץ איז ביי דער מיל.

דאָרטן ציט די נעצן וואָווע
מיט זיין טאַטן לאַנגער שייע,
און זיין ליד גייט איבער וואַסער,
ווי דאָס זילבער פון דעם שלייען.

גייט זי אָפּ פון „יעלה״־ניגון
און פאַלט אַריין אין וואַסער־ליד,
און דער טאַטע אירער שמייכלט,
ציט די פעדים, ציט און ציט.

Gropper

הערשעלע

אויף דער שוסטער־געסל
האָט געוואוינט דער חתן מיינער,
הערשל דער קאַמאַשן־שטעפּער,
חנעוודיק ווי אַ צעגיינער.

און דערציילן פלעגט ער מעשיות
וועגן טעג וואָס וועלן קומען,
און די פרייד פלעגט טריפן —
האָניק קלאָרער אויפן גומען.

און געהאַט האָט ער חברה,
שוסטער־יונגען פון דעם „בונד״,
וואָס קריגן ביי די „סכאָדקעס״ —
ווער די טורמע, ווער אַ וואונד.

נאָר פון אַלע קעמפער־יונגען,
האָפערדיק און שטאַרקסטער
איז געווען מיין חתן־ליבלינג —
„הערשעלע דער שוואַרצער״.

שיינע־איידל

נאָך לאַנגן טאָג ביי דער מאַשין,
איך טרעף זי אויף שפּאַציר,
און יעדער שיין פון אירע אויגן
גייט אויף ווי זון אין מיר.

און מיט שמייכל־ליפּן פולע
זי שלעפערט אומרו מיינעם איין,
און דער ניגון פון די אָוונט־לידער
דרינגט אין האַרצן מיר אַריין.

מיינע מאָרגנדיקע העלע טרוימען
ווערן וועלטן אויף דער וואָר,
ווען די צאַרטע פינגער אירע
צערטלען מיינע גרינגע האָר.

אוי, אַ חתונה . . .

אוי, איז דאָס אַ חתונה געווען,
שוסטער־שניידער — מחותנים.
אויסגעפּוצט איז שיינע כלה,
ביים חתן שטראַלט דאָס פּנים.

און די היימישע קלעזמאָרים
פידל־פּלייטעווען אַ פריילעך,
און די טאַטעס און די מאַמעס
חנדלען אוים אַ שמחה־הולך.

און אַ בונדאָוועץ אַ יונגער
פאַרגלאָצט די אויגן מעשה בדחן
און באַזעצט די חתן־כלה,
מאַכט יום־טוב — אינדערוואָכן.

1939

אַ טאַטנס געשאַנק

איך שענק דיר, הירשקע, אַ געשאַנק,
אַ מתנה נאָך פון זיידן,
און האַלט אים הייליק אין געדאַנק.
זיך קיינמאָל מיט אים שיידן.

געשמאָלצן אין נעגישע־פייער ;
געשטאָליקט אין אַ שטילער טרער ;
געשליפן איבער שאַרף פון טרויער ;
אָנגעצונדן אין אַ פונק באַגער —

געטראָגן האָט מען אים פון אייביק,
אַ סגולה קעגן פּיין און נויט :
„זאָלסט אין אחדות בלויז זיין גלויביק,
אַז שווייס באַזאַלצט דאָס ברויט".

אַ שטיבעלע אַ קליינס

אין אַ שטיבעלע אַ קליינס
ביי דעם קליינעם וועלדל,
וואוינט דאָרט הירשקע שטעפּער
מיט זיין ווייבל שיינע־איידל.

און מיט יינגעלעך צוויי קליינע
האָט דאָס לעבן זיי באַגליקט,
און זי צירעוועט און צוואָגט,
און זי ניצעוועט און שטריקט.

און ער קומט אין שפּעטע שעה׳ן,
ברענגט חברים פולן קרייז,
און מען זיצט אַרום די בלעטלעך
און מען חקירהט מיט באַוויז.

און פאַרציט ווער בונדיש לידל :
„ברידער, מיר האָבן געשלאָסן"...
פאַרגייען די הערצער אין טרוימען,
ביז דער לאָמפּ ווערט געלאָשן.

מאַיאָווקע

דאָס וועלדל איז אין גרין געהילט,
דאָס טייכל ווי געזילבערט ציט,
און פייגל מיט דער זון באַגילדט
צעסווישטשערן אַ פרילינג ליד.

און איינער לייענט פון בלעטל אויס
אַ יום־טוב־אָנזאָג און אַ רוף,
און פון ערגעץ פולווערט אויס
אַ פייער־וואָרנונג און אַ שטראָף.

דער שפּיגל־גאַנג קוים באַרירט
פון שיפלעך ווי די שאָטנס שטיל.
אין רויטן און אין בעז באַצירט
די פאָרלעך פירן דורך אַ שפּיל.

און שאַבלעס בליצן איבער טייך,
און קולות טראָגן זיך אַרום,
ביז זילבער־שטראָם ווערט בלייך
און גראָזן־ברעגן ווערן שטום.

1939



ער האָט געווערט זיך קעגן שונא

ער האָט געווערט זיך קעגן שונא
און נישט אַרויסגעלאָזט די פאָן.
און ס׳האָט די שווערד זיין בלוט פאַרגאָסן
אין מיטן קריגערישן קאָן.

און פיר חברים, ווי די לייבן,
דערשלאָגן האָבן זיך צו אים אַ וועג,
און אויפגעהויבן יונגן קרבן
און אַוועקגעטראָגן פון דעם ברעג.

און מיט טרערן חברישע, קלאָרע,
האָט מען אָפגעוואַשן זיין געזיכט,
און מיט שבועה־ליד אויף ציטער־ליפן
האָט מען טרויער־שיידונג אָפגעריכט.

ער האָט געווערט זיך קעגן שונא,
און נישט אַרויסגעלאָזט די פאָן,
ווייל העלדן־בלוט אויף העלע פאַלדן
צעפלאַטערט מוט פון אייביק אָן.

1939

וויג־ליד

שלאָפט, קינדערלעך מיינע, שלאָפט איין,
און טרוימט־אוים אַ חלום דער מאַמען,
ווי מיר פאָרן אַריבער בשלום דעם ים
און קומען צום טאַטן צוזאַמען.

אָ, איך בענק נאָך אים, קינדערלעך מיינע
און לער אָן אים איז מיר אין האַרצן,
ווען כ׳דערמאָן זיך פאַרפלויגענע פרייד,
אָן מיין ליבן „הערשל דעם שוואַרצן״.

ער שטעפּט דאָרט קאַמאַשן אַצינדער
אין גרויסער פאַבריק פון ניו־יאָרק;
און זינגט וועגן ווייב מיט די קינדער
און די אויגן פאַרגאָסן מיט זאָרג.

שלאָפט, קינדערלעך מיינע, שלאָפט־איין,
שלאָף עלינקע, שלאָף־איין ישראל,
כ׳וועל אייך זינגען אַ ליד וועגן טאַטן,
אַ מעשה וואָס געווען איז אַמאָל.

1940

מיין זיידנס אַ וואָלעכל

כ׳זע דאָס שניידערשע שולכל
און מיין זיידן מיט די בנים,
און דעם מעזשבישערם שטיל קולכל
צינדט־אָן ליכט אויף זיידנס פּנים.

ווי דער פעטער אברהם־לייב
טוט אַ צי אַ וואָלעך־ניגון,
שניידערוקעס טוען זיך אַ הייב
און די רגלים זיך צעוויגן.

און דער זיידע דבקותדיק פאַרגייט,
קען די פרייד שוין ניט באַהאַלטן,
טוט די ווייסע הענט אַ שפּרייט
און פליט מיט זיי צום באַלקן:

„שפּילט כלי־זמרים אַ וואָלעך,
וויניק ווי פאַרניאַלעס,
טוט אַ הויב דעם שניידער הולך,
עס טאַנצט דער פאַלגע־דלות.

„כ׳שפּרינג אַ ריקודל אַצינדער
פאַר מיין שניידערישן רבין,
כ׳זאָל מיט ווייב און מיינע קינדער
די גאולה נאָך דערלעבן״.

מײַן פּעטער בערל

קיין אַרגענטינע, ענטרע־ריעס,
איז אַװעק מײַן פּעטער בערל
און מײַן מאַמע װישט די װיעס,
צײלט פֿאַרטרױערט טרערן־פּערל.

פֿון בעסאַראַבער ערד דער שװאַרצער
אין װײַטער װעלט איז ער געלאָפֿן,
קריגן דאָרטן פֿעלד און אַקער
און אױף פֿרײַ זײַן לעבן שאַפֿן.

שער און אײַזן אײַנגעבונדן,
צונזער, מענדעלע — פֿאַרפּאַקט,
האָט ער לעצטן שטערן אױסגעצונדן
און געלאָזט זיך מיטן טראַקט.

לעצטער קוק אױף װײַסע שטיבער,
לעצטער בליק אױף גרינעם לאַן,
און זײַן האַרץ װערט װײך און טריבער
און פֿאַרלאַנגזאַמט װערט זײַן שפּאַן.

נאָר פֿון װײַטן מאַניעט מאָרגן
און עס רופֿט באַראָן דע־הירש,
און דאָס אױג װערט פֿול מיט קאָרן,
און אין אױער — פֿערד־געהירזש.

רײַך און שײן איז אַרגענטינע
און מנדבים טײלן ערד,
און די פֿעלדער זײַנען גאָלדיק גרינע,
פּעטע זײַנען — קי און פֿערד.

טראָגט זיך איבער שליאַך און ימען
דער זגוריצער בערל כאַיעט,
װײַט פֿון שװעסטער און פֿון מאַמען,
אָנגעחלומט און פֿאַרטײַעט.

נאַר פֿאַרשוואונדן איז דער כּישוף,
אוים מיט פֿעלדער, אוים מיט פֿערד,
סאַן אַנטאָניע איז אַ קליינער ישוב —
קריגט בערל בלויז פֿיר איילן ערד.

ליגט ער דאָרט אין ענטרע־ריעס,
ווייט פֿון בעסאַראַבער היים,
און מיין מאַמע ווישט די וויעס,
ציילט די פּערל אין געהיים.

1939

אין קוזניע

די קוזניע באַלויכטן האָט שפּיגל פֿון דניעסטער
מיט גאָלדענע פֿונקען צעזשאַרעטן פֿייער,
ווען נאָטע דער סטעלמאַך און אַבע דער קאָוואַל
דערהערט האָבן קוויטש און קינדערשן שרייער.

דאָס איז רייזל נאָטעס געגאַנגען צוקינד
און אין וויייען און אַנגסטן געבוירן אַ פֿרייד.
ס׳האָבן טאַטע און זיידע דערפֿילט,
אַז אַ גליק איז אַריין שטילערהייט.

געפֿאַלן איז האַמער אַרויס פֿון די הענט
און אַנגעגליט אייזן געפֿלויגן פֿון צוואַנגען —
צוויי פֿאַררויכערטע יידן מיט צעפּאַטלטע בערד,
מיט שטיוואָלעס אַ פֿריילעכס דערלאַנגען.

און ווען לבנה — אַ זילבערן שיפֿל,
געפֿלאָסן איז שטיל צווישן שטערן,
האָט מאַמע אַרום קינד שוין געפֿלאַטערט
מיט געפּערלטע וויסלען אין טרערן.

* * *

ס׳האָט די מאַמע מיט ליבע גערופֿן אים אַרצע,
געקעכלט מיט מילך און געצערטלט מיט לידער,
ס׳האָט דער טאַטע מיט שטאָלץ גערופֿן אים אַרקע,
געפּילוקט אין נאַק און געקרעפּטיקט די גלידער.



אַזוי איז זיך אַרקע ביים דניעסטער געוואָקסן
אין קוזניע צווישן פויערים, רעדער און פערד,
פאַרנומען די קלאַנגען פון פרייד און פון אַרבעט,
און געאָטעמט מיט דופטן פון צוויטן און ערד.

ס'האָט דער טאַטע ביים סטעלמאַך־וואַרשטאַט
מיט שטראָף און מיט דאגות זיין זינדל באַלאָדן.
זיך געבייזערט, געגלעט און באַפוילן,
און מיט באַרדע געטעסעט, געשויבן.

ס'האָט דער זיידע ביים לויטערן בלאָזזאַק
מיט מעשיות און וואונדער דאָס יינגל געכאָוועט,
זיך געווערטלט, געקאַכט און געשאָלטן
און מיט האַמער געבליצט און געקאָוועט.

* * *

מיטאַמאָל אין אַ טאָג האָט נאָטע דערפילט,
אַז עס פלאָנטערט זיך ווער ביי די פיס,
אַז די טעסלע און זעג זיינען שטומפיק
און דאָס צווענגל, ווער ווייסט וואו דאָס איז.

האָט ער זינדל באַטראַכט מיט דערשראָקענעם וואונדער
און דערזעען, אַז ער טאַסקעט שוין רעדער,
איז ער ראַפּטאָם אַוועק צו דער ווייב דאָרט אין קיך:
— גיי, רייזל, פיר אַרקען אין חדר!

אַ פּליעסק און אַ יעבץ: — „אַ ווייטיק איז מיר,
ער גייט מיר דאָס קינד שוין פאַריאָגן!"
און זי זידט ווי די יויך דאָרט אין טאָפּ
און קאָכט זיך אַ גאַנצן פרימאָרגן.

און ווען מאַן און ווייב זיינען שלאָפן אַוועק
האָט דער אָמפּער געדויערט ביז שפּעט.
האָט אַרקע דערהערט וועגן פייסע מלמד
און זיין האַרץ האָט געציטערט פאַר שרעק.

די קינדער ביי פייסע מלמד אין חדר
האָבן מיט אַרקען זיך ראַשיק דערפריידט,
בעת דער רבי האָט מיט רייזלען געטענהט
האָט מען אין דרויסן מלחמה צעשפּרייט.

איז דער רבי אַרום מיט דעם פימסענעם שטעקן
און אַריינגעיאָגט חברה אין אַלקער,
זיי באַזעצט און באַשטילט אַרום דעמבענעם טיש
און דעם סידור געטאָן אַ צעוואַלגער.

האָט אַרקע געשריגן: דאַ פּאַסעך, דאָרט קאָמעץ,
נאָר געהערט ווי צעבראָכענע וועגענער פאָרן,
האָבן טאָפּלעס אַ קלונג געטאָן אויער —
ס'איז דער רבי אין מויל אים פאַרפאָרן.

און ווען אַרקע האָט נאָז-בלוט דערזען
האָט ער רעוו און געוויין אָנגעהויבן,
זיך געוואָרפן אויף רבין מיט הענט און מיט פיס
און אויסגעזעצט אַלע זעקס שויבן.

* * *

ס'האָט זיך אַרקע אין שטאַל אויסבאַהאַלטן
ווען דער רבי איז געקומען זיך קלאָגן,
ס'האָט די מאַמע פאַר שאַנדע געבליפּעט
און דער טאַטע האָט געפּילט זיך דערשלאָגן.

בלויז דער זיידע איז באַפאַלן מלמד,
ווי אַ גזלן וואָס גייט אויף הריגה:
— וואָס הייסט, דו צעבלוטיקסט מיין איניקל?
אַרויס פון מיין הויז, פלאַסקעדריגע!

— אויב לערנען מיט הענט, קען איך בעסער,
איך וועל אים שוין מאַכן געראָטן,
ער וועט ביי מיר זינגען די ברכות,
אַז אַ רוח דיין מלמדישן טאַטן!

און אין אָוונט איז אַרקע צום זיידן געקומען
זיך איינגנורען שטיל אין זיין בעט,
ס'האָט דער אַלטער געבראָפּעט אַ ניגון
באַגלייט פון די פּרעש און טשערעט.

* * *

ס'האָט די מאַמע פאַרבראָכן דערשראָקענע פינגער
און דער טאַטע האָט פאַרכמורעט זיין שטערן,
ווען דער זיידע האָט געזאָגט יענעם שבת:
— אונדזער אַרקע אַ קאָוואַל וועט ווערן.

און ווען געקומען איז אַרקעס בר־מצווה
האָט דער זיידע די שכנים גערופן,
ביי קאָוואַדלע זיך געשטעלט ווי אַ חזן
און צום האַמער דעם תכשיט גערופן.

האָבן יידן געלאַכט פון דעם איינפאַל
און פאַרשטאַנען דעם אַלטנס באַגער.
האָט דער טאַטע פאַרבאָרגן זיין שמייכל
און די מאַמע באַהאַלטן איר טרער.

און אַרקע איז געוואָרן אַ קאָוואַל,
און די קוזניע איז געוואָרן אים טייער,
האָט זיין האַמער געהילכט איבער דניעסטער
און ווי גינגאָלד געשפּריצט האָט זיין פייער.

1935

מאַמע ליבע, בעסאַראַביע

(צו דער ערשטער באַפרייאונג: יוני, 1940)

מאַמע ליבע, בעסאַראַביע,
עס פרייען זיך די קינדער דיינע.
אויפגעריכט ביזטו געוואָרן,
ווי דיין שוועסטער אוקראַינע.

וואַש־אַראָפּ פון קאָפּ דעם טרויער,
ווייש זיך אויס די טרערן־אויגן,
וואַרף־אַראָפּ דעם יאָך פון פּלייצעס —
וועסט שוין מער ניט זיין געבויגן.

שנירל־אָן קאַרפּאַטן־פּערל,
פלעכט זיך אויס פּאַפּשוינע צעפּ,
זילבער־אָן צוויי וואַסער־סטענגעס —
פּרוט און דניעסטער איבער סטעפּ.

צי־אָן אויף בערג אַ סאַמעט־סטאַניק
און צעוויג די לאָנקעס פריי,
בלוי צעפאַלדעווע דיין שטאַלטנע קליידל,
טונקל — ים און העל דונאַי.

מאַמע ליבע, בעסאַראַביע,
עס קושן דיר דיין ליכטיק פּנים
דיינע ווייט־פאַריאָגטע טעכטער,
דיינע וואַנדער־וואָגל בנים.

זע אויף פּאַמפּעס פון בראַזיל,
אויף די שטיינער־בערג פון שכם,
אויף ניו־יאָרקער ווייסע וועגן
און פּאַריזער קאַרצער־קלעם —

הערצער שפּילן־אויף ווי טרויבן,
הענט און פּלייצעס טוען זיך אַ שלים.
רונד־און־רונד און הין־און־העריק
פלינק צעוואָלאָכן זיך פּים:

מאַמע ליבע, בעסאַראַביע,
עס הוליעט היינט סטעפּאָווער שטאַם
און דער דניעסטער טראַגט די פריידן
פון קאַרפּאַטן ביז צום ים.

3.

אין לאַנד פון מי

פ ל י ט י ם

עס זיינען קינדער יידישע קיין ניו־יאָרק אָנגעקומען.
געבוירענע אין בלוט פון שחיטות און פון שלאַכטן,
מיט שריפה־שרעק אין אומרו־אַפּלדיקע אויגן,
מיט דורות לאַסטן אויף די ביינערדיקע פּלייצעס —
האָבן זיי די ערד פון נייער וועלט מיט ציטער־טריט באַטראָטן.
און געקומען זיינען זיי דורך אַלע וואַסער־פלוסן,
און דורכגעשניטן גרענעצן מיט אַלע שוואַרצסטע שטעגן,
און מיט הינטער־געסלעך זיך געשלייכט דורך קרוין־שטעט קראַכן.
דאָך האָבן זיי קיין שיינקייטן אין הערצער ניט באַנומען
און האָבן ניט קיין פריידן צו געדענקען.

די קרייטן־ברעגן פון דעם קלאָרן דניעסטער,
די מוטנע ווייסל און דער בלויער בלענד פון דעם דונאַי,
די שקוואַלן פון דעם שוואַרצן ים, דער באָספאָר, אַדריאַטיק,
דער גליווער־פוך פון ווייסן ים, דער באַלטיק און אַטלאַנטיק,
די פּאָרטן פון קאָסטאַנצאַ, סטאַמבול, אַטען און נעאַפּאָל,
די געטאָ־שטעט פון יאַסי, וואַרשע, פּראַגע און בערלין,
וואָס האָבן זיי געגעבן פּליטים אויפן וואַנדער־וועג?
וואָס האָבן זיי געטיילט פון גלאַנץ און רום?
אין יעדן לאַנד אַנטקעגן איז געקומען בלויז די נויט.
אַיעדע אויסגעשטרעקטע האַנט באַקומען האָט בלויז אָרעם־ברויט.

ווי פּי דערשראָקענע אין פּראַכט־שיפן צונויפגעטריבן,
און אָנגעוואַלגערט קינד־און־קייט אויף פּערינעס און זעק,
האָט די פּליכטלינג־עדה פאַר יעדן שאָרך און שאָטן איינגעציטערט.
און יעדער בייזער יעכץ פון דאַמפּיקער סירענע,
און יעדער שטאָל־געקלאַנג פון שווערע אַנקער־קייטן,
האָט ווי מיט שווערד־און־שפּאָרן זיך אין בלוט צעקלימפּערט.
און שוידער־שטראָם האָט אין געדעכעניש זיך אויפסניי צעשוימט
און גזלענדיק געלויערט איבער שלאָף מיט וויסטן נעכטן,
און חלום־גרויל האָט אויסגעוועבט משוגענע געשפּענסן
אין פינצטער־וואַלד פון נעפּלדיקן, אומבאַקאַנטן מאָרגן.

און אפילו ווען דער ים האָט מיט לבנה־זילבער זיך צעבלעזלט
און ס'האָבן די מאַטראָסן נאָכן טאָג פון שווערער מי
צעסטרונעט די גיטאַרעס און צעצויגן אַקאָרדינע־פאַלדן,
און געזונגען סערענאַדעס און האָפערדיקע ים־באַלאַדן,
און פרייד־און לייד־געזאַנגען פון אַלע ווייטסטע פאָרטן —
האָט אויך דער שטילער ניגון פון חצות אַרויסגעקלאָגט
פון אַלע טיפענישן פון די אָנגעגרוזעוועטע קעלער־באָרטן,
און פון אַלע דעקן־ווינקלען איינגענורעטע, איינגעדעקטע,
האָט כאָר פון קינדער יידישע, פאַריתומט און פאַרוואָגלט,
מיט יהודה הלוים ים־ליד זיך צעוויינט.

מיר זיינען די קינדער פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט,
מיר זיינען דער בלוטיקער דור
געבוירן אין בלוט און אין וויען.
די זויערע מילך פון טרוקענע מאַמעשע ניפלען,
די געזאַלצענע טרערן פון פאַרגאָסענע טאַטעשע אויגן,
זיי פליסן מיט אומרו אין אונדז.
ד'י צעבראָכענע דעמבענע מולטער
איז געווען אונדזער סקריפנדיק וויגל,
דער שחיטה־געיאָמער און דאָס גסיסה־געוויין
זיינען צוקאָפּנס געווען אונדזער וויג־ליד.

דער טויט האָט אין היימישן שטעטלשן גאָרטן
פאַרזייט בערגלעך מיט פאַרשניטענע ברידער־קברים.
זיינען אויפגעגאַנגען די פאָלינענע בליטן
מיט בלעטער — גרוי־גרינע ווי גאַל,
מיט קוויטן — צעאיטערטע ווי בראַנד.
אונדזער טרוים, אונדזער קינדערשן הימל
עס האָבן פאַרוואָלקנט די שטאָלענע רויב־פייגל
מיט זשומען פון קוילן, מיט רויך און מיט שוועבל.
איז די שריפה געוואָרן אונדזער איינציקע זון,
און רינשטאָק־טראַנשייען — אונדזער איינציקע רו.

און דאָ ביי די ברעגן פון פעלזיקן בבל
מיר האָבן פאַרגעסן דעם אָרט ווי צו וויינען
און מיר האָבן קיין האַרפעס מיט זיך ניט געבראַכט
און קענען בלויז צער אויף טורעמס אויפהענגען.
און קיינער ניט קומט ביי אונדז בעטן געזאַנגען

און קיינער ניט שטרעקט זיין פרײַנטלעכע האַנט.
בלויז דער אינדזל ביים ים מיט גראַניט־פּאַליסאַדן
שיקט פייער־סיגנאַלן אין פאַרדוויכערטע ספערן
און אָטעמט מיט גאַנג פון דינאַמאָ־מאַשינען,
און שאָטנט מיט שטויב פון פאַרלאָשענע שטערן.

און זינגען די זיידעס אַרוים פון די ספרים
די עפּישע זיגן פון דעם שיינעם אַמאָל,
די לירישע קלאַנגען פון אור־אַלטן נעכטן,
ווען ליכטיקע זונען באַגילדט האָבן פעלדער
און לבנות באַזילבערט האָבן טייכן מיט רו.
זוויערט־אויף אין אונדז דער ווייניקער נעכטן,
און עס פלאַקערט נאָך מער אונדזער היינט.
גייען מיר שטאָלץ צו דערגרייכן דעם מאָרגן,
מיר, דער פאַרשאָלטענער, וואָגלענדער דור,
מיר, די קינדער פון בלוט און פון צאָרן.





אָ, פרייהייט־געטין, אויף טורעם אין ניו־יאָרקער האַפן,
וואו ס׳גיסן האָדסאָן און איסט־ריווער זיך אַריין אין ברייטן אָקעאַן,
האַלט הויך דיין אויסגעשטרעקטע האַנט מיט אויפגעפלאַמטן פאַקל,
עפן־אויף דיין בוך מיט אוצרות וואונדערלעכן וויסן
און ווייז דעם וואַסער־וועג אונדז צו דער נייער וועלט.

דו ביזסט דאָך אויך אַ פּליכטלינג און אַ פרעמדע,
אַ פאַרטריבענע פון פראַנקרייכס שיינע ברעגן,
אַרויסגעריסן פון די גרודעס אַרצן פון לאָרעין,
אויסגעשמאָלצן אין די קעסלען פון פּאַריזער גיסערייען
און אויסגעפורעמט דורך די הענט פון פרייע קאָמונאַרן.

און געזאָלט האָסטו אַ שטאָלצע שטיין ביים אויסגוס פון סועץ,
אַ פאַרבינדערין פון וועלטן, פון ים מיט ימען,
אַ פאַרברידערין פון פעלקער, פון שטאַם מיט שטאַמען,
פאַר שוואַרצע מאַטעריקן — אַ ליכט־זייל פון פראָגרעס.
נאָר פראַנקרייכס הערשער האָבן זיך פאַר דיר געשראָקן,
פאַר דער הייסער לאַווע אין דיין שטאָל־טשוהון,
פאַר דעם פייער אין דיין אויפגעהויכטער האַנט,
וואָס קאָן נאָך ווידער אויפלויכטן די אַלטע ים־סוף וועגן,
וואו משהס קינדער האָבן צו דעם פרייען לאַנד געצויגן
און פרעהס חייל ליגט אין פינצטער־גרונט פאַרלוירן.

נאָר מ׳האָט דיך דאָ ביי די פעלזן־פאַרטן פון מאַנהעטן
מיט ערפורכט אָנגענומען אַלס אייראָפּעס טייער, ליב געשאַנק
און ניו־יאָרקער קינדער אין אַלע שפּראַכן און דיאַלעקטן
געזונגען האָבן דיר אַ לידער־לויב און רום־געזאַנג,
און אייניקלעך פון דעם רעוואָלט ביי לעקסינגטאָן און באָנקער־היל,
די זין פון אויפשטאַנד ביי דער האַרפערס פערי
און וועטעראַנען פון פרייהייט־זיג אויף געטיסבורגער פעלדער
באַהאַנגען האָבן דיך מיט אויפגעפאַלדעוועטע פאָנען,
אַדורכגעשאָסענע און אָנגערויכערטע אין קאַמף
און איינגעטונקענע אין בלוט פון העלדן־טאַט.

איז נעם־זשע, פרייהייט־גייסט, אונדז וואָגל־קינדער אויף
און צעפיר אונדז איבער די ניו־יאָרקער גאַסן
און ווייז אַיעדערן זיין נייע היים און אָפּרו־פּלאַץ
און זאָג אַיעדערן אַ וואָרט פון האָפענונג און טרייסט.
אָ, זאָג, ווי היימיש איז מאַנהעטנס שטיינערדיקער באָדן,
און ווי פרוכטבאַר איז דער טאָל פון בלויען האָדסאָן —
פאַר קנאָספן ווייסע פון פאָדאָליער גרינע פעלדער,
פאַר פאָזשימקעס פון פוילנס ציבער־וואַלד,
פאַר בורשטינען־טרויבן פון בעסאַראַבער ערד
און פאַר ווערבעס צאַרטע פון דעם טריבן ליטע־לאַנד.

1942

טראָג מיך שיף

טראָג מיך שיף דעם ים אַריבער,
שנייד אַדורך וואַסער-וועגן,
ס'ווערט דאָס ווייטע לאַנד מיר ליבער
און דער פרעמדער ברעג מיר אייגן.

פלאַטער ווינט מיין אומרו-שויבער,
טרייב די וואָלקנס אין די רוימען,
אפשר איז דער ווייטער צויבער
גאָלדן לאַנד פון מיינע טרוימען.

און אין קאָן פון ברידער נייע
אפשר וועל איך גליק געפינען,
און די חברשאַפט די פרייע
וועט מיין וויסן-דורשט באַזינען.

אַמעריקע

צו דיינע ברעגן, גאָלדן לאַנד,
קום איך, אַ פליכטלינג-וואַנדערער איצט אָן
מיט ברויזנדיקע כוואַליעס פון דעם אָקעאַן.
און כ'ברענג דיר מיינע יונגע שטעפּער-יאָרן,
פאַרפינצטערטע אין דלות און אין נויט,
פאַרפייניקטע אין שחיטות און אין פּלאָס.

מקדמונים, אַז עס וואַנדערט-אום
פון לאַנד צו לאַנד און ים צו ים
מיין נע-ונד פראַצע-שטאַם,
און שטענדיק אויף דער נייער ערד
קומט-אויף אַן אייפערדיקער שטאַנד,
וואָס ברעכט עקשנותדיק אַיעדן צאַם.

1939

ש ט אָ ט

שטאָט האָט מיט פֿייער קאָלירטן געצונדן
האַרץ וואָס האָט אומרו געזוכט,
שטאָט האָט מיט טורעמס באַצירטע געבונדן
טרוים וואָס האָט שיינקייט געזוכט.

שטאָט האָט מיט ווינטן געצוימטע באַפֿליגלט
קאָפּ וואָס האָט יאָגן געוואָלט,
שטאָט האָט מיט גאָלד־שטויב באַשפּרינקלט
בליק וואָס האָט גלויבן געוואָלט.

שטאָט האָט מיט טויזנטער לאַסאָס געפּענטעט
גבֿורה וואָס דענקט אַז זי פּראַלט,
שטאָט האָט די לוסט אין די בלוטן ספּאַלאָשעט
און וואַנזין צעיאָגט אויף אַספּאַלט.

1924

מ אַ נ ה ע ט ן

געקומען איז ער צום פּאָרט פֿון מאַנהעטן
אַן אַנטרונענער שטראָם אין דער פֿרעמד,
און אַוועקגעיאָגט פּיס אין שטונדיקן שטעפּן,
און אַנטקעגן געטראָגן די פֿרוכט פֿון די הענט.

און אין אָוונט געוואַנדערט אויף איסט־סאַידער ראָגן,
פֿאַרנעמען דעם קלאַנג פֿון די היימישע רייד,
זיך אָפּגעשטעלט הערן טריבונען וואָס זאָגן,
און געאָטעמט מיט גאַס, מיט עמכאָשער פֿרייד.

און אין שאַפּ זיך געלערנט באַוואַכן דעם ביסן,
אַז אחדות קען ברעכן די שטאָליקסטע וואַנט,
אַז וואויל איז אָט־דעם וואָס זאַמלט אָן וויסן
און חבֿריש טיילט אים מיט אָפֿענער האַנט.

און געלאַכט האָבן פֿיל פֿון דעם שטעפּער,
וואָס קהלט זיך אין זאָרג פֿון אַרבעטער־מענטש,
נאָר ער האָט געשמייכלט ווי אַ גוטינקער טרעפֿער,
וואָס מוסרט, און וואָרנט, און בענטשט.

1939

פ ר י י ד

צוים ניט, שטעפּער, שטאָל און פּאָדעם,
לאָז זיי לויפן איבער פעלן.
שטעך אויף טופליעס אויסגעפורעמט
וועלן ווי די שמייכלען קוועלן.

ס׳קומען מאָרגן דיינע ביידע בנים
און דיין יונגע ווייב די שיינע.
גאָל אָפּ באַקן, שווענק אָפּ פּנים,
שניפּס-אוים העמד דאָס ריינע.

האָסט געלאָזט צוויי פּיצלעך קינדער,
קוים אַנטווייגטע שטומעלעלים,
און באַוואונדער זיי אַצינדער —
ישראלקע עלף און ניין איז עלי.

דער עלטסטער ברענגט די ליטער טרוימען
אַנגעחלומט אין די אויגן;
דער יינגסטער קען זיין מוט ניט צוימען
און ציט זיך ווי פייל פון בויגן.

ש אַ פּ

דער באָס ער קוועלט פון בראָנזוויל יונג,
וואָס טראָגט די פּעק ווי העמער וואַסער.
דער פאָרמאַן רייבט צופרידן הענט
וואָס עלים רוקן ווערט אַלין נאַסער.

נאָר באַלמעלאָכעס וואַרפן שאַרפן בליק
און זיינען אויפגערעגט און בייז,
ס׳איז עלי פונקט ווי זייער אייגן קינד
און ס׳פּייניגט זיין צעהעלטער שוויים.

— ניט לאָז זיך, עלי, גיין אין שפּאַן,
הער אוים מיין פאָטערלעכע עצה:
דו היים זיך בעסער געבן באַלד אַ „רעיז"
און היט דיר אָפּ די ברייטע פלייצע.

1939

די יוניאָן

דער זאַל איז העל און אַ באַנייטער,
און שער־און־אײַזן האָט זיך אויסגעשפּרייט,
און פֿירער דאָרט איז ווערטער־מײַסטער
און מוטיק קלינגען זײַנע רייד:

— האַלט שאַרף דײַן שער און היים דאָס אײַזן,
העל אויף די אויגן אין דער נאַכט,
מלחמה־צינדער זאָלן זיך ניט ווײַזן —
זיי האָבן דאָך אַ וועלט שוין אומגעבראַכט.

— האָסט ליב דײַן לאַנד, האָסט ליב דעם פֿרידן,
און ווילסט מיט קיינעם ניט קיין שלאַכט,
נאָר אויב דער נאַצי שטערט דעם פֿרידן —
באַגעגן אים אַ גרייטער, אויף דער וואַך!

אַרבעט

ס'האָט דער הונגער
ביז ים מיך געבראַכט,
האָבן גיריקע אויגן
מײַנע פּלייצעס באַטראַכט.

פֿרישער וואָרעמס
האָבן בלוטן צעשפּילט,
האָבן קריזשעס ביז שפּעט
די זעק ניט געפֿילט.

ס'האָט אָוונט בײַם פּאָרט
זיך געבאָדן אין גלי
און אויף שפּייזן־טראַנספּאָרט
האָט געכראָפּעט די מי.

1924

הונגער

דער ווייטיק פֿון הונגער
איז שאַרפֿער און טיפֿער,
דאָס בלאָנקען נאָך מי
טרײַבט צאָרן אין וויכער.

די גאַסן און סקווערן,
די טירן און ווענט,
באַגריסן מיט חוזק
די ליידיקע הענט.

די נאַכט און בולוואַרן,
דאָס פֿײַער, דער ים,
זיי שטשירען און גאַרן
און סליונען מיט סם.

געוואָרפן די אַרבעט

געוואָרפן די אַרבעט,
אין סטרייק זיינען טרעגער,
און כוואַליעדיק וויגט זיך
זייער ימיש געזאַנג,
די העמדער צעכראַסטעט,
די פּאַטלעס צעפּלאַטערט,
באַשלאָגן זיי סקווערן
מיט שטורמישן גאַנג.

פון צערודערטן אָפּגרונט,
פון פינצטערע טיפן,
אַ דערצראַנטער ים
איז פון ברעגן אַרויס.
קומען גאַסן אַנטקעגן
מיט ליד און מיט פאָנען,
און עס שמייכלט מיט ים
יעדער שויב, יעדער הויז.



אויף שוימיקער גריווע

ניט קיין שרעקעוודיק קינד
אין אַ ריזיקער וויג,
שטיי איך, ים, דאָ אַצינד
אויף דיין כוואַליק געוויג.

ס'האָט הונגער צעפלאַקערט
די אויגן, די טריבע,
האָב איך אומרו צעאַקערט
אויף דיין שוימיקער גריווע.

ביזט, ים, מיר געוואָרן
מיין שפּילעוודיק פערד,
צעטראָג־זשע מיין צאָרן
און שטורעם די ערד!

בלייב מיט מיר

מעג טויב זיין שטאָט פון צופיל טומל,
נאָר געראַם איז מיין צימער ענגערהייט,
ס'איז פול מיין האַרץ מיט דיינע שמייכלען
און הענט פאַרכלינען זשמעניעס פרייד.

אָ, בלייב מיט מיר, שוואַרצאויגיקע,
ניט וואַנדער ווייט מיט וואָגל־שטאַם,
גענוג דיין בענקשאַפט וויסט צו נע־ונדן —
געפינסט אויך סטעפּביים אומרו־ים.

קום־ וואַנדער־אום אויף שטורעם־כוואַליעס
פון מאָרגן־גין ביז צאַנק פון שטערן,
און זאָל לבנהדיקע נאַכט ביים פּאָרט
אויף שטענדיק אונדזער טרוים־לאַנד ווערן.

1924

דערוואַכונג

הענט אָן אַ זין און אויגן אָן דרימל.
ליפּן פאַרחלשט און טרוקן דער גומען.
און טורעם דאָרט פינגערט
מיט צלם צום הימל
און ס'ציטערט דער גלאָק
אַ הייזעריק ברומען:
ניט לאַנג און ניט לאַנג
און דערלייזונג וועט קומען!

הענט ווערן צאָרן און אויגן אַ שטורעם.
מענטש גלייכט זיך אויס און ער ווערט.
ווילט זיך אים קלאַפּן
אין קופּאָל פון טורעם,
בייגן דעם צלם מיט פינגער צו דר'ערד:
— אַ קלאָג אייך, אַ קלאָג,
אָט דאָ איז מיר לעבן באַשערט!

מ אַ י

מאַסן פּיס אין שפּאַן פון פייקלעך,
מעש-געקלאַנג אין יעדער שויב,
פייער-פאָנען ווי די פאַקלען
צינדן יום-טובדיק דאָס אויג.

פרוי און מאַן מיט קינד אויף אַקסל,
יונג און אַלט אין זעלבן גאַנג,
ברוין און רויט און געל און ווייסל,
פרייד און מוט אין יעד געזאַנג.

ברוסט נאָך ברוסט אין גלייך פון נאַקן,
בונט-בריגאַדעם טראָגן זשמעניעס זון,
פלאַקערט האַרץ אויף ווינט-פלאַקאַטן,
שאַלט דער סקווער מיט דעם טריבון.

וואַקסן פויסטן הויך און העכער,
קלינגט און ציטערט דער אַרום.
שטאָל און פולווער אין די לעכער
שלינגען שנאה אין דער שטום.

1927

אַ נאַכט־מוזיקאַל

די קונים זיינען שוין פון לאַנג אַוועק
און מיטגענומען טומלדיק געמיט.
דער באַלעבאָס האָט צוגעמאַכט מוזיק־געוועלב
און שלעפּט אַהיים די מידע טריט.

בלויז די לבנה און די פרילינג־לופט,
זיי כאַפּן זיך אַריין און גלעטן שטיל —
די פידלען און די פלייטן אויף די ווענט,
די האַרפע און דעם צימבל אויפן דיל.

עס דערפרייידט זיך גרינגע האַרפע
און טוט אַ ציטער מיט די פעדים,
די העמערלעך צעטאַנצן זיך אויף צימבל,
ווי אויפגעוואַכטע וואַסער־שדים.

די פלייטן עפענען פאַרגאַפטע לעפצן:
„קום, אָטעם, בלאָז דורך אונדז אַ ליד".
די פידלען ציען־אָן די סטרונעס:
„קומט, סמיטשיקעס און שפּילט!"

די ווייזערלעך ביידע

די שעה איז געקומען צום העלן זעניט,
די ווייזערלעך ביידע פאַרקלאַמערט אינמיט.

זיי האַלדזן זיך שטיל און באַהעפטן ניט לאַנג
און הויבן אָן אָפּגיין זייער זינגענדן גאַנג.

זיי קלעטערן לאַנגזאַם דעם קיילעך אַרונטער
און טרעפן זיך ווידער פאַרליבטע און צונטער.

מען קרייצט זיך אין קווער, אין הויך צי אין נידער
אין פאַרדבקטן טוליען און שיידן זיך ווידער.

ווער ווייסט צי זיי וועלן דערגיין צום זעניט,
נאָר ביז לעצטער סעקונדע צינגלט דאָס ליד.

1960

דאָרט וואו מאַנהעטענער גאַס

דאָרט וואו מאַנהעטענער גאַס
ברייטערט אויס אין אַ סקוועער,
דאָרט וואו דער הונגער און האַס
צאַרענען־אויף דורך אַ טרער,
דאָרט האָט די נויט זיי פאַרקנסט,
דאָרט זיי פאַרקניפּט האָט באַגער.

און שטענדיק דורך רעגן און גליוועער
זיי וואַנדלען ביים האָדסאָנער ברעג,
און אייביק פאַרהלומט ווי קינדער
זיי שמייכלען ווי פליסיקער וועג,
און מיט אויגן ווי גליאיקע צינדער
זיי טרוימען אין מאָרגן אַוועק.

כ׳האָב ליב אַ געצעלט . . .

כ׳האָב ליב אַ געצעלט, צווישן הימל און „על״,
וואו די באַן שיסט פאַרביי מיט שראַפּנעלן פון שטאָל,
און ליכט־סעגלען טאַנצן — צעשערבלטע ווערטער,
וואו מעשענער וואַנזין זיך רייסט פון דער קעל,
און ס׳גיסט זיך אַריין סאַקסאָפאָנישער קול
אין שיכורן כאָר פון לוסטיקע טעכטער.

כ׳האָב ליב דעם אַספאַלט און ברוק איבער סקוועער,
וואו לייקענע שיך קנאַפּלען אויס אַ געזאַנג,
און שפּילן־אויס טריט ווי אויף שפּיגל־פּאַרקעט;
וואו ליכט פון נעאָן צינדט אָן בלוטן־באַגער
און ליפּן אין רויט שרפען דורשט און פאַרלאַנג,
און ס׳האַרץ שפּרינגלט פרייד ווי אַ קווייטן־ראַקעט.

1935

ווינטער־אידיליע

עס ליגט דער האַר שוין מיד פון וואוילטאָג,
מער ווײַן ווי בלוט אין שפּיל פון זײַן געביין,
און זי, די האַרנטע, אין בלוי פאַרטאָג
באַשפּרינקלט בשמים אויף צעפּריעטער חן.

עס דרימלט וואַרעם דער באַגילדטער טורעם,
געשפּיגלט אין קרישטאָלוואַרג פון אַלייען.
דאָס דרויסנדיק געוויין פון ווינטערדיקן שטורעם
ניט וועקט פון שלאָף פאַראָטעמטע אינצווייען.

בלויז דעם פּאַרק אין קרוכלע זילבער־־בלענד
האָט אַ בלודנער מענטש צעפּאַטלט און פאַרפלעקט.
פאַרוואָרפן שטריק אויף הויכע טאָפּאָל־הענט
האָט ער דעם טויט אַ צונג אַרויסגעשטעקט.

נאָר ס׳לאַכט דער פראָסט אין שנייאיקן געדריי
און שפּייט דעם טויטן גלײַך אין פּנים:
— כע, כע! די קלוגינקע אין טורעם זײַנען זיי,
פאַר מיר געלאָזט בלויז די נאַראָנים!

נאָר ס׳האָט געלעכטער זיך ביים בריק פאַרהאַלטן
אין פאַרגאַפטן גליווער ניט געיאָגט זיך ווייטער:
אונטער אייזן־סטריכע האָבן צונטערע געשטאַלטן
אַ צאָרן־ליד געקאָוועט אַרום הונגער־שייטער.

ביים שייטער

אַ ביינאַכטיקער פייער
צעצונדן האָט סקווער.
צווישן צונטערע קרייזן
האָט צעזינגען זיך ווער:

— קום, ברודער, צום שייטער,
גלי־אָן דיינע הענט,
געשלאָסענע פּלייצעס
ברעכן ווינטן ווי ווענט.

— קום, נעענטער, באַדי,
צום אָטעם דעם גרויסן.

אינאיינעם איז וואַרעמער
צו פרירן אין דרויסן.

— וואַרף צו אויך דיין צאָרן,
לעג צו אויך דיין האַנט.
אַ פונק צו אַ פונק
גייט אויף אין אַ בראַנד.

— קומט נעענטער, ברידער,
ווער קאַלט און ווער אָרעם.
מיר זאַמלען דאָ שריפה,
מיר זאַמלען דאָ שטורעם.

1930



שטאָל און אייזן

אייזערנע באַלקנס, שטאָלענע רעלסן,
ניטן געקאָוועט מיט עגבער־באַגנעט,
טורעם ווי שאַרבן, שטאָקן ווי ריפּן,
וואַקסט אַ גיגאַנט, אַ סקעלעט.

הויך איבער שטאָט קלינגען קייטן־מאַשינען,
מוסקולן פירן עלעקטרישן גאַנג,
בראָנזענע לייבער אין שווייסיקן גלימער
דונערן־אוים פון מעטאַל אַ געזאַנג.

ראַפּטאָם אַנטשוויגן די ציינערנע וואַלצן,
פאַראַנקערט פעדאַל האָט עלעקטריש געיעג.
קלעטערן בויער אַרונטער, צערעכענען
דאָלער און סענטן פאַר שוויים און פאַר טעג.

שטייען זיי מיד דיברייטפּלייציקע ריזן,
פון שטאָל און פון אייזן אַ מענטשלעכער קנויל.
ציילט אויף די פינגער מינוטן דער פאָרמאַן,
ציגאַר־האָלעוועשקע פאַרביסן אין מויל.

ווישן זיי אָפּ מיט די אַרבל געזיכטער,
ווערן פֿאַרשוואונדן אין גאַסן־געדראַנג.
שטייען און פֿינצטערן שטאָל־רעשטעוואַניעס,
בענקען דערהערן מענטשלעך געזאַנג.

1939

צו דער יוגנט

אָ, יונגע, טרוימער, פּיאָנערן,
איר קלייבט זיך אין די ווייטע וועגן,
איר חלומט פֿון באַהערשן וועלט
און גרייטן זיך צו רייסן פֿעלזן מיט די נעגל.
און דאָ ביי אונז אין לאַנד,
לאָזט איר איבער פֿילמיליאָנענדיקן וואַלד
וואָס שטייט פֿאַרשטיינערט און פֿאַרגרעבט,
און אין דרום ליגן לעכצנדיקע פֿעלדער,
וואָס וואַרטן אויף פֿאַרזיי און שניט.

אָ, יונגע און פֿאַרבלענדטע טרוימער,
בלייבט שטיין ביי אייער קלאַמקעדיקער טיר,
און זעט דעם ווילד־גראָז ביי דער שוועל,
די קריכנדיקע דערנער ביי די פֿענצטער.
דאָ האָבן אייערע דורות לאַנג געלעבט, געשאַפֿן,
מיט בלוט און שוויים באַפּרוכפּערט באָדן,
מיט ציטערדיקע פֿינגער אויסגעגראַבלט בייטן,
מיט טרערנדיקע אויגן אויסגעבעטן רעגן,
און איר זייט דאָס די פּירות פֿון זייער מי.

זעט, ווי אייערע שוועסטער־קינדער,
ווילדע בלימעלעך פֿון אונדזער גאָרטן־שטאַם,
קלעטערן אויף פֿרעמדע דראָטנדיקע פּלויטן,
זוכן צו אונדזער ליבע — דעם פֿאַרלוירענעם וועג.
בייגט זיך אָן און הויבט אָן יעטן,
רייסט דעם ווילדן אָנוואוקס פֿון דער ערד.
נעמט אָפּ דאָס אייגענע ביי פֿרעמדע שוועלן
און פֿירט זיי דורך די באַקאַנטע שטעגן
און איבערפֿלאַנצט ביים היימישן געצעלט.

אָ, יונגע, שאַפער, פּיאָנערן,
נעמט די העק און שאַרפע זעגן,
שלאָגט און וועקט דעם פאַרשטיינערטן וואַלד,
ברעכט־אויס אַ וועג פאַר די גרינענקע יאָדלעס,
זאָלן זיי זען די ליכטיקע וועלט.
באַגליקט מיט אייער מי די פעלדער אין דרום,
אַז אויפגיין זאָל קאָרן און פרייד,
און קלינגען זאָל שניטער־געזאַנג
אין כאָר פון אַלע שלום־לענדער.

1962

דאָ־הי איז דאָס לאַנד

דאָ־הי איז דאָס לאַנד וואו אונדזער שטאַם איז געוואַקסן
און דעמבעם די יונגע זיי שטייען מיט אונדז.
דורך זומערס און ווינטערס פון יאָרן און דורות,
אונדזער מי, אונדזער פרייד — בליען־אויף פון דער ערד.

דאָ־הי איז דאָס לאַנד וואו אונדזערע וואָרצלען,
אויסגעריסן פון שוואַרצגרונט און זאַמדיקן סטעפּ,
האָבן איינגעגראָבן זיך טיף אין פעלזיקן באָדן
און מיט קנאָספן זיי צוויטן אין הימלשער בלוי.

דאָ־הי איז דאָס לאַנד וואו ליב איז אונדז רעגן,
וואָס שטראַלט מיט זיין שפּריי אַנטקעגן דער זון,
און גראָזן און בליטן אין אַלע קאָלירן
רינגלען דעם וואַלד מיט זייער פרידלעכער פרייד.

דאָ־הי איז דאָס לאַנד וואו פיינט איז אונדז האָס,
וואָס שטורעמט און פינצטערט דאָס ליכט פונעם טאָג,
און ביימער און קוסטעס, און בייטן און גראָזן
פאַרקניפּן אַ בונד פון אַ זיגרייכן וואַלד.

אונדזער מי, אונדזער פרייד — בליען־אויף פון דער ערד.
און דעמבעם די יונגע זיי שטייען מיט אונדז.
דורך זומערס און ווינטערס פון יאָרן און דורות
אונדזער מי, אונדזער פרייד — בליען־אויף פון דער ערד.

1962

4.

בראָנזוויל

(1942-1938)



בראַנזוויל

אַ, בראַנזוויל, ליבע האַרעפּאַשנע מאַמע,
אייגן אונדזער בלוט איז דיין שוסטער־שניידער יחוס.
דו האָסט אונדז אויסגעטראָגן איבער אַלע ימען,
און אויף דער נייער ערד געבראַכט אונדז אויף דער וועלט.
און מעגן „יענקים" אָפּשפּעטן פון אונדזער שטאַמען,
און אָפּלאַכן פון דיין געווירצטן יידיש,
ביזסטו נאָך אַלץ די איינציקע און טרייע מאַמע,
די האַרציקסטע און יידישסטע פון צווישן שטעט.

אַ, בראַנזוויל, אונדזער שטאָט, געליבטע,
אויף עוועניוס און קרומע גאַסן דיינע,
אויף גאַניקעס, אויף ראָגן און אויף טרעפּ,
מיר טרעפן זיך דאָ דיינע קינדער אָן:
דער כמורנער יונג פון דער שטילער ליטע,
די טרוימער פון פּאָדאָליע און אוקראַינע,
די לוסטיקע פון בעסאַראַביער סטעפּ,
די סטאָטשניקעס פון לאָדזש און פון סמאַרגאָן.

עס האָט דער בייזער שחיטה אָרעם
אַרויסגעריסן אונדז פון דעם דאָרפיש גרינעם לאָן,
און ווי מיט וואָרצלען ציטערדיקע סאָסנעס ווייסע
ביי ראַנדן פון אַ וועלט־שטאָט איינגעפלאַנצט.
עס האָט די צייט פון שטרייט און שטורעם
אונדז מחנותווייז געבראַכט אַריבער אָקעאַן,
און ביי די האַרבע זומפּן פון קאַנאַרסי
דעם ווילדן דזשעז אין אונדזער בלוט צעטאַנצט.

ס'האָט מאַנהעטן מיט אַ דריל אַ וועג צו אונדז דערשניטן
און זיך צעיאָגט אויף דעם שטאָל־געפּלאָסטן גאַנג.
מעטאַל האָט זיך צעשריגן העכער דעכער
אויף נויטן־שלאַק פון אונדזער בראָנזוויל שטאָט.
און דורך שפּיל פון לינאָטיפּ מיט מעשענע מאַטריצן,
דורך דרוק־מאַשין מיט וואַלצנדיק געקלאַנג
דערהערט מיר האָבן פרייהייט־רוף מיט נייע ווערטער:
„אין רייען קעמפערישע איז דער יוגנטס אָרט!"

זעכצן

זיינע זעכצן שטעטלדיקע הונגער־יאָרן האָט ער געבראַכט צעטראָגן
אַ קלומיקל אָן איינגעקניפּטס אין צאַפּלדיקער יינגל־ברוסט,
און מיט שלאַבער־טריט אין היימישע צווײ כראָמאָווע שטיוולעטן,
וואָס שלאָגן אָן מיט שטיפטן פּאַלגישע אויף גבירעשע אַספאַלטן,
דערשראָקן האָט ער אייגן בלוט און מיט אויפגעשוימטע בירע אויגן
דערזען דעם בלעזלענדיקן שוים פון מענטשן און מאַשינען;
דעם מעטאַלענעם געקלאַנג פון רעדער שטאָלענע אויף בריקן־שפּאַלן;
דעם פייערדיקן טאַנץ פון ווערטער־סעגלען איבער דעכער־חלל;
דעם גוואַלד־געשריי פון טינטן־שטאַבן איבער פלאַטער־בויגנס;
דעם ליפּן־שמיר און פלעפּערדיקן היפּטן־ציטער פון דעם דזשעז.

אַ נייע היים

געבראַכט האָט זי די הירשקע קיין בראָנזוויל
אין קליינינקע צימערלעך דריי.
די ווענט אויסגעמאָלן מיט בילדער,
דאָס מעבל און בעטגעוואַנט ניי.

און איידל האָט הויז אויסגעשייערט,
געראַמט און געפּוצט איבער שויבן,
און הירשקע האָט בנים גענומען
זיי ווייזן דעם בראָנזווילער הויבן.

און פּיטקינער גאַס מיט וויטרינעס
חנדלט מיט טאָרט, שפּילעריי,
און לאָנקעס קאָנאַרסיער מיט גרינען
צעיאָגט האָבן בלוט אויף דער פריי.

און אין אָוונט אַוועק איז געזינדל
אין קינאָ מיט צויבערקלאַנג פילם,
האָט די פרייד אָנגעגאָסן די אויגן
און הערצער פאַרכלינעט מיט שפּיל.

ב ר י ד ע ר

עס האָבןביידע ברידער זיך דעם דרויסן אָפּגעגעבן,
געקלאַפּט די פּילקע איבער אַלע פּוסטע הויפן,
זיך אויסגעלערנט כאַפּן דעם פליענדיקן באַל,
צעוואַלגערן איעדנאַיינעם און אַנטלויפן.

און אין אָוונט פלעגט זיך איזי זעצן ביים פּאַפּיר
און מיט שאַטנדיקער פאַרב געזיכטלעך צעהעלן,
און צעדערביימער אויסשניצן פון פּראָסטן דעמב,
און זון און טייך אויף קופּער־פּלאַך צעקוועלן.

און אַל פלעגט שלינגען צויבער־מעשיות, שוידער־וואונדער
פון אַלי־באַבאַ, שערלאָק־האָלמס און „קיד ספּיטוני״,
און איידל פלעגט דערציילן פאַרן שלאָפן לייגן
וועגן העלדן־טאַט פון הירשקע לעקערט און גערשוני.

דער בראָנזווילער צענטער

קום, עלי, מיט אונדז צום בראָנזווילער צענטער,
מיר האָבן היינט אָוונט אַ קינדער־ספּעקטאַקל.
דו וועסט זען די שפּיל „מאָטל פּייסי דעם חזנס״
און הערן די חברה אויף טרומייט און אויף פּייקל.

און זען וועסטו מיידלעך אין טוניקעס בלויזע,
ווי זיי טאַנצן אַרום מיט באָרוועסע פיס,
ווי אַ בחור אַ ליץ מאַכט נאַרישע שטיק
און דער עולם שרייט: נאָכאַמאָל, בים!

און פאַראַן איז אין צענטער אַ „דזשים״
מיט הוידלקעס, רינגען און שפּרינג־פערד,
און אויף ווייכברייטן טעפּיך מיר וועלן זיך דוועגן
ביז איינער פון אונדז וועט פאַלן אויף דר׳ערד.

און זונטיק בייטאָג אין „בעטסי העד פּאַרק״
עס שפּילט סאָקער אונדזער הינסדיילער קלוב,
און מיר קלאַפּן דעם באַל אַ גאָל נאָך אַ גאָל
און גיבן די בראָנקסער אַ געפּעפערטע גאָב.

יידישע שול

אין בראָנזווילער צענטער איז פֿאַראַן אַזאַ צימער
מיט יידישע בילדער און קווערקע שטאַבן,
און ביי הילצערנע טישן און אויף לאַנגע בענק
זיצן יינגלעך און מיידלעך און שרייבן.

און אַ לערער אַ יונגער מיט קרייטל אין האַנט
שרייבט יידיש און ענגליש צוזאַמען,
און רעדט אַזוי קלאָר און פֿראַכטפֿול דערציילט
די זעלביקע מעשיות געהערט פֿון דער מאַמען.

און ווען איזין און עלין פֿירט די מאַמע אַריין
גייט דער לערער זיי פֿריילעך אַנטקעגן :
— זעצט אייך, קינדער, אָט דאָ ביי דעם טיש,
איך דערצייל איצט אַ מעשהלע וועגן —

דעם פֿאַרצייטיקן העלד יהודה המכבי,
וואָס געפֿירט האָט די יידן אין שלאַכטן,
נאָכדעם ווי זיי האָבן אין צאָרן דערוואַכט
אויפֿן רוף פֿון מתתיהו, זיין טאַטן.

און עלי פֿאַרמאַכט, פֿאַרחלומט די אויגן
און דערזעט זיך אַליין אין שווערדיקן פֿעכטן,
הערט זיין מוטיקן טאַטן וואָס רופֿט אַלע יידן,
צו דערשלאָגן דעם שונא, דעם שלעכטן.

ד אָ נ כ י ן

דער חושך דרויסן גיסט מיט צעבערדיקן כלין,
דער חשונדיקער ווינט טרייבט מענטשן פֿון דער גאַס
און שלאָגט מיט רשעות אין אַיעדן בוידעם-שטיבל אָן,
און וואַרפֿט אַ בלודנעם גייער ביי אַן אויפֿגעפּראַלטער טיר.
דאָס זוכט ער דאָרט מיט די מאַטע אויגן אַרויף די טרעפּ אַהין,
צי קומט ניט ווער אַנטקעגן און לויפֿט און זאָגט דאָרט אָן,
אַז אָט קומט ער שפּעט, אי מיד, אי הונגעריק, אי נאַס,
און קען ניט זען דעם נומער „אַכצן-פֿערציק-פֿיר".

אין „אַכצן־פֿערציק־פֿיר“ איז טומלדיק און העל,
און טרעפּ פֿאַרגאָסטענע זיי פֿירן צו אַ פֿרייד,
וואו דורך סטענגעס רויט און וואָלקנס רויך
פֿיל ליבע נעמען לויפֿן אום פֿון מויל־צו־מויל:
יאָסל, שימקע, חיים, סאַל, איטקע, בעל,
בושקע, גרשון, מיני, פֿייגע און חנוך.
און מיטאַמאָל: „דאַנקען איז שוין דאָ, ער גייט!“
און כאַליאַסטערדיק עס ווערט דער צאַפּלדיקער קנויל.

און אָט שטייט ער שוין אַ ליכטיקער מיט פֿלאַטער הענט
און דערציילט פֿון טעג העראָאישע און בראַווע יאָרן יענע,
ווען מדינות צאַרישע געפֿאַלן זיינען איינגעקאַרבטע,
און מאַסן הונגעריקע האָבן צאָרנדיק געברענט,
פֿון אַ בראָנעוויק געשטראַלט האָט לענין
און אָנגעוויזן אויפֿן מאָרגן און פֿאַרטייטשט דעם זין
פֿון פֿרידן, ברויט און גרענעצן פֿון רויט־אַרמיי באַוואַכטע.

דערציילט מיר

דערציילט מיר פֿון אייגענעם לעבן,
וואָס האָט אייך געבראַכט דאָ אַהער,
ווער האָט אייך דערנערונג געגעבן,
און צי איז אייך די נויט געווען שווער.

דערציילט מיר פֿון טאַטן און מאַמען
און צי האָט איר חברים געהאַט,
פֿון וואַנען אייער יחוס טוט שטאַמען
און ווי שיין איז אייער דאָרף אָדער שטאָט.

פייגל

אויף די וואַרשעווער נאַליעווקעס,
נאָוואָליפּקע, שענטאָקשיסקע,
טראָגן פּאַנעס מיינע קליידער,
געניי פון פייגל דער מאָדיסטקע.

און אָט דאָ אין גאָלד-מדינה
טו איך לעכעלעך בלויז שלייפן
און די זאָרג אַרום די אויגן
בלויט אין שלייפערדיקע רייפן.

כ׳בענק נאָך אויסגעצירטער וואַרשע,
כ׳בענק נאָך אירע צאַרטע לידער
און אָט דאָ אין „פּערציק-פיר״
בין איך איינע צווישן ברידער.

יאָסל

כ׳קום פון לאָדזש, פון זיידן-וועבער,
כ׳קום פון עמכאָדיקער הויז,
כ׳בין פון שטענדיק אָן אַ געבער,
איז מיין רייכטום — אָט ווי גרויס:

כ׳האָב צוויי הענט וואָס ווילן טוען;
כ׳האָב אַ האַרץ וואָס וויל געניס;
כ׳האָב אַ מוט וואָס וויל ניט רוען;
כ׳האָב אַ צונג וואָס פרעגט פאַרוואָס.

יאָג איך אום די וועב-מאַשינען
און כ׳פאַרטאָכלעווע מיין קראַפט,
נאָר פון אָונט ביז באַגינען
בין איך טעטיק וואו מען דאַרף.

בושקע

כ׳בין ווי אַ קאָרן-בלימל
וויט פון גאָלדענעם פּאַפּשוי,
אָן אָפּגעריסן בשמים-פלעשל,
דין און ציטערדיק און בלוי.

מיינע ברידער — מעד צעשפּילטער,
וויינען פון אַרום דעם דניעסטער
האָבן מיך אָהער געבראַכט —
אַ צערטלענדיקע שוועסטער.

בין איך ווי אַ קניפּל הימל
וואָס פאַרבלייכט און בלויט
צווישן גראָזן און פּאָלינען,
צווישן צאַרנדיקן רויט.

גרשון

מיינע הענט און פיס ווי צווייגן
פון דעם גרינעם בערשעד-וואַלד
וואו מיין טאַטע — שלאַנקער שאָפער
האָט באַוואַכט דעם פריצס גאָלד.

מיינע אויגן ווי די לייכטער,
מיינע ליפּן ווי דאָס שטיל געבעט
פון מיין מאַמעס טרערן-תחינה
אין דער אָוונטדיקער שפּעט.

מיין געלעכטער ווי די ברעגן
פון אַן אויפגעפליושקעט טייכל,
וואו אַ וואַלד-קינד לויפט אַרום
מיט זילבער-שטראָמען אויפן בייכל.

פוליע

ווילט איר, בין איך שטיל און פליסיק,
ווי דאָס טייכל איבער סטעפּ אוקראַינער,
און דעם בעטלערס קלינג-באַנדורע
וויינט אַרוים פון שטימע מיינער.

ווילט איר, ווער איך בייז און ראַשיק
ווי די דניעפּערשע פּאָראָגן,
און באַטראַקעס אויף די פערד
טוען אין מיין בלוט זיך יאָגן.

ווילט איר, ווער איך לייכט און שפּאַסיק
ווי אַ קבצניוק אין שפּיצן,
און אין אַלע וויסטע שונאים
כ'שלאָג „עליכמדיקע" וויצן.



היימאַן

איך בין אַ קאַלוועריער,
אָבער ניט קיין „דייטש",
איך פאַרשטיי אַ קל-וחומר
און פון פינטעלעך דעם טייטש.

כ'האָב אין היימישער ישיבה
זיך פאַרשאַרפט אַביסל
און פון טאַטן זיך געלערנט
ציקלען שורה-גריסל.

כ'האָב פון מגיד און בונדיסט
אַנטליען הויכן געמבע-שאַל,
רופט מען מיך אויף פּיטקין-גאַס —
דער יונגער בראָנזווילער לאַסאַל.

בעל

איך בין אַ נייע צווישן קעמפער
און כ׳האָב ליב מיין בעני־באַי,
גיי איך מיט אים סטרייקן שעפּער
און דאָס האַרץ מיינס קוועלט אַזוי.

און ווען מען ברענגט אונדז אין געריכט,
ווערט דער ריכטער גרין און געל,
עס צינדט זיך אָן זיין בלאַסער פּליך
און ער טוט אַזאַ באַפעל:

„גיט זיי ניינציק לאַנגע טעג,
עס וועט זיי אויסמענטשלען אַוודאי!"
גייט די חברה שטאָלץ אַוועק,
פייפט אויף גאַנצער חד־גדיא.

סאַל

איך געדענק דעם ערשטן פרילינג,
איך געדענק מיין ערשטן מאַי.
ס׳איז די שוסטער־גאָס אין בלומען
און מיר חדר־ייִנגלעך — פריי!

יאָגן מיר אַראָפּ צום מאַרק־פּלאַץ,
גיסן זיך אַריין אין ערשטן מאַי,
און ווי אויפגעפלאַמטע פאָנען
פלאַטערן מיר — קינדער דריי.

באָרוועסע אויף די ברוקירטע גאַסן,
אָפּגעריסענע אין ערשטן מאַי,
קוועלן מיר ווי אַלע זונען,
מיר, בר־מצווה־ייִנגלעך דריי.

— העי, אַרויסט פון דאַנען, שקצים,
וואָס טוט איר דאָ אין ערשטן מאַי?
— שוסטער־שניידער־קינדער זיינען מיר
און ס׳איז אונדזער ערשטער מאַי!

דו פרעגסט מיך

דו פרעגסט מיך, קינד מיינס,
פאַרוואָס עס גיסט זיך יידיש בלוט
אין דייטשלאַנד, ביי די ברעגן פון דעם ריין;
פאַרוואָס עס שווייגט דאָס דייטשע פאָלק,
ווען יידיש האַב-און-גוטס
פאַרגייט אין פלאַקערדיקער שיין.

אויך איך אַמאָל האָב אויפגעציטערט,
ווען יידיש בלוט אויף ערד אוקראַינער
פאַרגאָסן האָבן פעטלוראַ און מאַכנאָ.
נאָר העלדן יידישע און בראַווע קריסטן
מיט נייעם גלויבן האָבן זיך באַגלויבט —
אַז קומען וועט דער טאָג און שלאָגן וועט די שעה.

געקומען איז דער טאָג, מיין קינד,
ווען איבער לענג און ברייט אוקראַינער
אויפגעשטאַנען זיינען אַלע פעלקער-מאַסן
און מיט דער פייערדיקער שווערד אין האַנט
און מיט דעם גלויבן מענטשלעכן אין הארצן
זיי האָבן שאַנד-פלעק אָפּגעוואַשן.

איז זיי-זשע, קינד מיינס, אויך באַגלויבט
דורך העלדן יידישע אין לענין-לאַנד,
דורך יידן בראַווע ביי מאַדריד,
אַז אויך אין דייטשלאַנד ביי דעם ריין,
וועלן אויפשטיין אַלע פעלקער-מאַסן
און פריי וועט ווערן אויך דער ייד.

ביל פאָסטער

עס האָבן קעמפער זיך פאַרזאַמלט יובלען גרויסן זיג
מיט אַ יום-טוב-מאַלצייט אין אַ פּראָסטן אינדערוואַכן.
וועטעראַנען-זיגער האָבן זיך צערעדט,
און בלוטן בראַווע האָבן זיך צעשפּילט
מיט יעדן נייעם פּלוס פון קריגל ביר,
און פרייד האָט אויסגעשפּינט אַ נייעם רום
פאַר אַלטע אויסגעדינטע שלאַכטן.

געקומען זיינען דאָרט רעקרוטן גרינע
מיט ערשטן פוך אויף ניט־געגאָלטע קינען,
געקומענע פון בראָנזוויל־שטאָט
פרייווויליק דעם פאָלק צו דינען.
און אין דעם קריגער־קרייז געגאַפּט
פון העלדן־מוט און קלאַנג פון שלאַכט.

און אַז דער צוויבער־שוים איז אַריבער אַלע ברעגן,
אויפגעשטאַנען איז ביל פאַסטער, שלאַנק און ברוין,
און זיין פּעסטע האַנט צום רעדן אויפגעהויבן.
איז מיטאַמאָל דער טומל שושקעדיק געוואָרן
און דער געלעכטער האָט זיך אָפּגעעקט.
אויגן האָבן זיך אַ שיפּגעטאָן צום רעדנער
און פאָרכטיק שטיל געוואָרן איז אין זאַל.

און גערעדט האָט ער פון ניכטערקייט און זאָרג,
פון באַגין וואָס באַזוימט שוין שויבן,
פון טוגנט וואָס ברענגט די נוים צוטראָגן
און לאָזט זי וואַקסן ביי דעם קבצנס שוועל,
פון הונגער־טויט וואָס צערט אַיִם קינדער
און פון שונאים וואָס פאַרשטעלן פרייע וועגן.

און געקוקט האָט ער אויף די יונגע וואָלונטירן,
ווי ס׳צונטערט אום דער פרילינג אין זייער בלוט,
ווי שוידער־וואָרט שלאָגט אָן אין ווייכע הערצער
און צאָרן צינדט זיך אָן אין פייכטן אויג.
און גערעדט האָט ער פון מאָרגן און פון זון,
און ס׳האָט זיין פּנים זיך צעשיינט פון ליבע
ווען ער האָט ביים נאָמען זיי גערופן צו דער פאָן.

און ווען ער האָט די הענט געהייסן הויבן
און טרייהייט־שבועה אויף די ליפּן ברענגען,
און אָנשטאָלן די ברוסט פאַר ערשטער שלאַכט,
געפלאַטערט האָבן הענט און יוגנט־הערצער
און אָטעם איז אין האַלדז געבליבן הענגען
פאַר ערפורכט און פאַר פרייד.

שפּאַניע

די נאַכט איז שפּעט, דער דרויסן נאַס,
און עלי שפּאַנט אַליין אַהיים,
און דורך שטילקייט פון דער גאַס
דערהערט זיך דאָרט אַ קינדס געוויין.

אָ, שטילע גאַס, דו ביסט מיר טייער,
און אייגן איז מיר פּיצל קינד,
איך זע פון ווייטן בראַנדיק פייער,
און כ'פיל דעם אָנקום פון דעם ווינט.

ווי קען איך רואיק היינט גיין שלאָפן
ווען נאַצים צינדן איצט מאַדריד,
ווען קינד־און־קייט פון דאָרטן רופן:
אָ, קום פאַרטיידיק און פאַרהיט.

אָ, דרימל־איַין, מיין בראָנזוויל גאַס,
און שלאָף־איַין קינדעלע, דו מיין,
איך לאָד איצט אָן מיין פּולווער־האַרץ,
אין ווייטן וועג איך פּאַק זיך איַין.

בראָנזווילער זינגער

אין דרויסן אַ פּראַכט, אין דרויסן איז פרילינג,
און מאַיאיקע זון באַגילדט אַלע דעכער.
אינצווייען אַרויס זיינען בראָנזווילער זינגער
באַגעגענען פרייד פון בראָנזווילער טעכטער.

פון ערגעץ אַ האָרן מאַיאָפּעסט אַ ניגון,
אַ ריקודל קומט דורך גלאָז פון וויטרינע,
אַ פאַרדבקהטער קנויל — אַ מענגע מיט יידן —
פאַרגייט מיט פלוס פון טענערלעך דינע.

טוט גרשון אַ קלאַפּ מיט צעשקראָבעטע גייערס,
פאַרוואָרפט איבער סאַלן די בלאַסע ידים,
די קודלעס צעפלאָסן ווי ווינטיקע פּיאות
און ליפּן צעסווישטשען אַ זומער־לחיים.

א י ט ק ע

ביי ראָזינען איז היינט אַ לאַטקע־ליאַמע
און סאַל און גרשון זיינען אויסגעפּוצט,
די שיך זיי גלאַנצן מיט אַ פרישן שמייכל
און די שניפּסן שרייען — צונטער־בלוט.

— זע נאַר, סאַל, די שוואַרצע אויגן,
ביסט אַ מבין אויף דעם הולך?
איך בין גרייט צו גיין אין פייער,
אויב דו שטערסט מיר, קוילעך!

— זע נאַר, גרשון, ווי זי שמייכלט.
האָסט געהערט אַזאַ געלעכטער?
כ׳ווייס שוין, אַז מען רופט זי איטקע
פון אַ הויז פון זיבן טעכטער.

מען זאָגט, זי איז אַ מויד אַ ברען,
קלעפּט אויס רויט די בראָנזוויל־געגנט.
עס זאָגט דאָס האַרץ מיר, ברודער,
כ׳האָב מיין ליבע היינט באַגעגנט.

פרילינג

די זון האָט צעשמייכלט מיינע שויבן
און צעבלימלט לאַטעסדיקע קאָלדרע פון מיין בעט.
אַ ווינטל־צוג באַפאַלן איז מיין בלאַנדן שויבער
און צעפלאַפלט בלעטלעך פון מיין לידער־העפט.

די קנאָספּעדיקע צווייגן קלאַפּן אָן אין פענצטער
און מיידלשער געזאַנג קלינגט צאַרט און ווילִיק,
האָב איך אויסגעשניפּסט מיין העמד דאָס שענסטע
און אַרויס אויף גאַס באַגעגענען דעם פרילינג.

די גאַסן בראָנזווילער, פאַרהאַרעוועט, פאַרשמייעט,
ניט זיינען פרילינגדיק געצירט ווי מיין געמיט.
מיט פלייש און גרינסן איינגעווירצט און איינגעזייערט,
זיי רייצן הונגער בלויז, נאָר זעטיקן אים ניט.

קום, איטקע

קום, איטקע, שפּאַצירן צום פּאַרקוועי,
וואו עס בערגלען דאָרט טעפּיכער גרינע,
וואו דער אָוונט אין צאַרטן פאַרגיי
דרימלט איין צווישן צווייגעלעך דינע.

ס׳איז גוט אַזוי שוועבן אין הימל
און ווינקען פאַרשייט צו די שטערן,
ס׳איז גוט אַזוי אָטעמען בלימל,
באַפליגלען דאָס האַרץ און ניט־ווערן.

איך וועל פאַר דיר שפּינען אַ מעשה,
פון האַרצן אויסזינגען געזאַנג.
און צוזאַמען מיט שטערנדלעך ווייסע
חלומען וועלן מיר לאַנג.

ראָמאַנס

קום, עס רופט די נאַכט אונדז, ליבסטע,
גאָלדפלום איבער הימל מאַניעט,
זילבער איבער טייכל ציט.
נאָך דיין שטימע בענקען טאָלן,
נאָך דיין קערפּער לעכצן שטראָמען,
נאָך דיין אָטעם גאָרט דער צוויט.

קום, איך ברענג דיר פרייד, געליבטע,
זיסקייט אין די בלומען ווייניקט,
אומרו שפּילט אין מיין געמיט.
לאָמיר מיט דעם טייך אַנטרינען
וואו די שטילע ווערבעס דרימלען
אין דעם בלויען שטערן־ליכט.

אַ גאָרטן

אַ ייד האָט אין בראָנזוויל אַ גאָרטן פאַרפלאַנצט, —
וואַקסט דאָרט דער וואונדער, דער גרעסטער:
צוזאַמען מיט בנים און טעכטער ער טאַנצט;
הילכט דאָרט די פרייד ווי ביים דניעסטער.

חידושט זיך מענטש פון ליטע און פוילן:
ווי קומט אַ שטיק דאָרף דאָ אינמיטן פון שטאָט?
וואָס קלאַפּן אַזוי די צעפריילעכטע זוילן?
וואָס הויבן זיך הענט אַזוי הויך אין אַ ראָד?

שטעלט־אָפּ דער ייד זיין לוסטיק געזינדל,
וויש־אָפּ דעם טוי פון זיין פלאַמיק געזיכט,
גיסט־אָן אַ גלאָז דורך הילצערנעם שפּינדל
און האַלט דעם בורשטין אַנטקעגן דעם ליכט:

— אַז איבערגעפלאַנצט זיך מיט אייגענער האַנט,
איז וואָס איז דער וואונדער און חידוש,
וואָס מיין זריעה וואַקסט אויך דאָ אין דעם לאַנד,
און האָפערדיק קלינגט אונדזער יידיש?

ערשט נעכטן

ערשט נעכטן האָט די מאַמע מיך פון הויז געטריבן:
— ניט סם די קינדער מיט דיין טרייפער צונג!
און היינט האָב איך מיט שטאָלץ און פרייד פאַרשריבן
צוויי יונגע ברידער אין דעם לענינשן קאָמיונג.

ערשט לעצטן יאָר אין טאָג פון ערשטן מאַי,
געגאַנגען בין איך איינער פון אַ הויז־געזינד,
און היינט מאַרשירן מיר אינדרייען אין אַ ריי —
דער עלטסטער, מיטלסטער און מאַמעס־קינד.

ערשט נעכטן האָט דער טאַטע מיך געיאָגט אַרונטער:
— ניט וויז אין הויז ביי מיר דיין פרעמדן פנים!
און היינט קוקט ער מיט שרעק און באַוואונדער
אויף אַלע דריי צעבונטעוועטע בנים.

ר אַ כ מ י ל

מיין ברודער, דער מאַטראָס, אין וויטן פּאַסיפיק,
אויף שטאָלענעם טויכער אין שטראָמיקע טיפן,
ער שניידט דאָרט די וועלן פון טראָפּישע שטורעמס
און רייסט־אויף מיט צאָרן ניפּאָנישע שיפן.

ווי קומט ער, דער זון פון דעם שניידערשן יחוס,
דאָס קינד פון דעם סטעפּ ביים דניעסטער און פּרוט,
צו צוימען און רייטן די ימישע וויכערם
און בליצן דורך לופטן עלעקטרישע רוט.

ווי קומט ער, דאָס קינד פון די בראָנזווילער גאַסן,
מיט די גיריקע אויגן, מיט צער פון דער וועלט,
צו שטיין דאָרט אויף דעק צווישן יענקישע קריגער
און טראָגן אויף ברוסט די שליפע פון העלד?

איך פיל אין מיין האַרצן דעם שטראָם פון די יאָרן,
דעם אורקוואַל פון נויט, פון פּיין און געפיל.
כ׳דערקען אים, דעם וועג, פון אייביקן וואָגלער,
פון דעם יידישן טרוימער — מיין ברודער ראַכמיל.

5.

פאַרברידערט אין בלוט

דער פרייהייט־מאַרשרוט

(געווידמעט די קינדער־מאַרטירער אין בוירמינגהעם)

נעגערס און ווייסע פון שטעט און פון עקן
ציען צו וואַשינגטאָן־סקווער,
זיי ווילן דאָס „ווייסע הויז" אויפוועקן,
עס זאָל דאָס נעגערשע קול דערהערן.

עס שטייען פאַרברידערטע רייען
ביי לינקאָלנס שטיין־מאָנומענט,
און דערציילן פון נויטן און ווייען
און הויבן אין צאָרן די הענט.

הערט לינקאָלן די הערצער וואָס שאַלן
קעגן הונגער, קעגן גוואַלד, קעגן שלעכטס
און ער ווייסט אַז ס'וועט פינצטערניש פאַלן
אין דעם קאַמף פאַר מענטשלעכע רעכט.

דאָס קינדערשע בלוט

אויפגעריסן האָבן דעם פרייהייט־מאַרשרוט —
די בוירמינגהעם־לינטשערס און צינדער,
און פאַרגאָסן דאָס לאַנד מיטן בלוט
פון צעשאָסענע נעגערשע קינדער.

יאָגט דאָס בלוט איבער זעלבן אַספאַלט
וואָס פירט צו וואַשינגטאָן־סקווערן,
אַז דערגייען צו זיי זאָל דער גוואַלד
און דעם יאָמער פון מאַמעס דערהערן:

„זאָל נעמען אַ סוף צו דער פינצטערער נאַכט,
וואָס באַליידיקט, באַטרעט און באַצווינגט,
זאָל די פרייהייט באַווייזן איר ליכטיקע מאַכט
וואָס דערהויבט, און גלייכט און באַגליקט!"

געפאַלן איז דיין טאַטע

(אויפן מאָרד פון עדגאַר עווערס)

מיין קינד, געפאַלן איז דיין טאַטע
אין קאַמף פאַר נעגער־רעכט,
דיין טרער אין פיין געזאַטן
זאָל צאָרענען אַקעגן שלעכטס.

זאָלסט פונקט ווי ער נישט רוען
דורך טאָג און נאַכט און קעלט,
ביז שלאָגן וועלן פרייע שעה'ן
פאַרן גליק פון גאַנצער וועלט.

פאַרברידערט אין בלוט

פאַרברידערט אין בלוט,
זייער לעצטן מאַרשרוט
טראָגן פלייצעס ווי שטאָל אָנגעגליטע.
טרויער און צאָרן
איז ווייטיק געוואָרן
אין הערצער און הענט מוסקולירטע.

געפאַלענע אין קריג,
פאַר ברויט און פאַר גליק,
פאַר קלאַמערן פויסט קעגן שלעכטן,
מיר שווערן ביים גריב,
אַז קומען וועט זיג,
פאַר פרייהייט פאַר נעגערשע רעכטן.

ברידער־גאַס

אין פלעטבוש געווען איז אַ געסל
מיט הילצערנע שטיבער בלויז פיר,
און יידישע און נעגערשע קינדער
געשפילט האָבן זיך ביי איין טיר.

און ווען אָוונט פלעגט קומען צוגיין
און פאַרשאָטענען אָרעמע דירות,
פלעגן זיצן אויף טרעפּ אין געשפּרעך,
די דזשעקסאָנס, די שניידמס און שאַפּיראָס.

נאָר רייכער און יחוסשער געגנט
געטראָגן אין האַרץ האָט אַ האַס
און אָפּגעקויפט הילצערנע הייזער,
און אָפּגעווישט ברידערשע גאַס.

וויג־ליד

דעם מאַסטערס זינדל, בעבי דזשים,
וויל אין זיין וויג ניט ליגן,
בלויז קליינער נעגער, ווילי דזשאָרדזש
קען פּיצל האַר מיט ליד פאַרוויגן:

„ווען בעיבי דזשים וועט ווערן עלטער,
ווען איך אַליין וועל ווערן גרויס,
וועלן מירביידע אָט דאָ וואוינען,
איך אין קיך און ער אין הויז".

„און בעיבי דזשים וועט דאַן מיר זאָגן:
,אלטער נעגער, לויף אין פעלד נאָך קאָרן!'
וועל איך זאָגן: ,יעס, סער, דזשים,
כ'וועל ניט אויפרעגן דיין צאָרן'.

„דאַן וועל איך לויפן שפּאַנען פערד
און דעם שיינעם קאָרן ברענגען,
און מאַסטער דזשים וועט טרינקען וויין
און פריילעך לאַנג פאַרברענגען".

האַרלעם

האַרלעם אין טראַנטעס
שמייכלט מיט ציין,
האַרלעם אַ באָרוועסע
שימיט געביין.
ליפּן צוויי דורשטיקע
לעכצן נאָך גליק,
אויגן דערשראָקענע —
שייטער און שטריק.

האַרלעם אין אָוועראָלס
שאַרפט מיט די ציין,
האַרלעם אַ צונטערע
שטייט ניט אַליין.
שטימען פּילבּרוסטיקע
שאַלן אַ רוף,
אויגן דערצאָרנטע —
פייער און שטראָף.

אין אָוונט די זון טוט פאַרגיין

אין אָוונט די זון טוט פאַרגיין,
יינגל האָט ניט וואוהין צו גיין,
וואוהין צו גיין.

דער טאַטע טויט, די מאַמע אַליין,
יינגל האָט ניט ליגן וואו געביין,
ליגן וואו געביין.

קליידער צעריסן, באָרוועס די פיס,
כ׳גיי איצט אַהין וואו מיין מעמי איז,
וואו מיין מעמי איז.

דאָס שטיבעלע דאָרטן איז מיר באַקאַנט,
מאַלצייט אין טעפּל, ליולקע אויף וואַנט,
ליולקע אויף וואַנט.

דער איינזאַמער וועג

ער איז אַוועק מיט דעם איינזאַמען וועג,
און ער קומט ניט צוריק.

כ׳האָב שוין פאַרגעסן דעם חשבון פון טעג,
און דעם אָנבליק פון גליק.

אַ קליין שאָטנדל פאַלט דאָרט אַריבער דעם וועג,
אפשר קומט ער צוריק.

אַ וויים שיפעלע ציט צו מיין פינצטערן ברעג,
אפשר ווידער מיין גליק.

עס שרייבט דער מאַן

אַ בריוו האָט מיין מאַן מיר געשריבן,
ער ווערט דאָרט אין טשעין-גענג צעריבן.
ער שלאָגט מיט אַ האַמער אויף שטיין,
נאָר די בייטש, זי צעשניידט זיין געביין.

אָ, קעפּטן, אָ, קעפּטן, לאָז מיך גיין צו מיין מאַן,
אפשר איז נאָך פאַר אים אַ רעטונג פאַראַן.
זיי ניט בייז אויף אַן אָרעמער נעגערשער פרוי,
וואָס וואַשט און וואָס פּרעסט פון מאָרגן ביז גרוי.

אָ, קעפּטן, אָ, קעפּטן, איך זע טויט אין דיין בליק.
עס וועט שוין מיין מאַן ניט קומען צוריק.
עס ליגט שוין זיין האַמער און זשאַווערט אויף שטיין
און ווערים צעפרעסן זיין איינזאַם געביין.

ווייט פון דער היים

אויב איך וועל שטאַרבן ווייט פון דער היים,
שיקט מיין קערפּער אַפּ אַהיים,
זאַמלט אַ ניקל, זאַמלט אַ דאַים,
זאַמלט אַ קוואָדער, שיקט מיך אַהיים,
שיקט מיין מאַמען מיין געביין.

איך בין עלנט אַזוי ווי אַ שטיין,
איך מיט מיין הונגער, ביידע אַליין,
קיינער פאַרנעמט אונדזער געוויין.
אויב איך וועל שטאַרבן ווייט פון דער היים,
שיקט מיין מאַמען מיין געביין.

דער טורמע־שליסל

די מאַמע האָט געבראַכט מיר קאַווע,
די מאַמע האָט געבראַכט מיר טיי,
די מאַמע האָט מיר אַלץ געבראַכט,
אָבער ניט דעם טורמע־שליסל, וויי !
אוי, דריי מיך איבער ברודער,
אוי, פּאַוואָליע דריי,
ווייל אין האַרץ די קוילן
טוען מיר נאָך וויי.

איך האָב אין פעלד געאַרבעט,
איך האָב געקאָסעט היי,
איז דער פּאַרמאַן מיך באַפאַלן
און מיט בייטש געשמיסן, וויי !
אוי, דריי מיך איבער ברודער,
אוי, פּאַוואָליע דריי,
ווייל אין האַרץ די קוילן
טוען מיר נאָך וויי.

איך האָב אים צוריק געשלאָגן,
פאַר יעדן קלאַפּ געגעבן צוויי,
זיינען ווייסע מיך באַפאַלן
און מיט בליי געשאָסן, וויי !
אוי, דריי מיך איבער ברודער,
אוי, פּאַוואָליע דריי,
ווייל אין האַרץ די קוילן
טוען מיר נאָך וויי.

אינדרויסן קלינגען פוס־טריט,
אינדרויסן הער איך אַ געשריי,
אפשר קומען זיי מיך נעמען
און אויף שטריק מיך לינטשן, וויי !
אוי, דריי מיך איבער ברודער,
אוי, פּאַוואָליע דריי,
ווייל אין האַרץ די קוילן
טוען מיר נאָך וויי.

אפשר איז דאָס גאָר מיין מאַמע,
אפשר קומען מיינע ברידער צוויי,
אפשר ברענגט מען איצט צעטראָגן
מיר דעם טורמע־שליסל, וויי !
אוי, דריי מיך איבער ברודער,
אוי, פּאַוואָליע דריי,
ווייל אין האַרץ די קוילן
טוען מיר נאָך וויי.

קלאָוד ניל

דיינע פּרוכפּער־גלידער
דיך געצוואונגען בלוט־רוי עסן,
קוילן האָבן גוף צעשטעפּט
דורך האַרץ און דורך געהירן.
אין ברוסט אַ קצב־קלינג,
די פּיאַטעס בראַנד צעפרעסן,
די פינגער־שנייץ געטיילט
פאַר לינטשערס סואווענירן.

אפילו ווען אין האַרלעם
וואָלסט אַנטרינען,
באַהאַלטן זיך פון שייטער
צווישן מענטשן־קינדער,
ס'וואָלט שונא
באַלד געפינען,
געפּענטעט דיך געשיקט —
אַ רינדפלייש פאַר די צינדער.

און מעגן ווילדע הינט
צעגריזשען דיין געביין,
און קיינער זאָל ניט וויסן
וואו די פּיס און הענט,
פאַראַן אַ האַרץ אַ גרויס,
וואָס בלוטיקט פאַר דיר, ניל,
וואָס צינדט אין מאַסן אָן
פאַר דיר אַ מאָנומענט.

זון פון אַלאַבאַמאַ

נעגער־יונג פון אַלאַבאַמאַ,
וואָס טוסטו דאָ אויף יוניאָן סקוועיר?
אין מאָנטגאָמערי קלאָגט דיין מאַמע,
גיסט נאָך דיר איר לעצטע טרער.

איינזאַם פליסן מיסיסיפּי־ברעגן
אָן דער פרייד פון דיינע לידער.
שטאָל קלינגט איצט אויף אַלע וועגן,
קייטן־קלאַנג פון דיינע ברידער.

אויף אַ בוים דאָרט ביי דער דעלטע
הענגט דיין חברס יונגע לעבן.
קעגן שייטער־שטריק געוועלטן
האָט ער האַרץ זיינס אָפּגעגעבן.

יונגער נעגער פלאַקערט בראַנד,
ניטאָ אין אויג ביי אים קיין טרער,
אין אַ פויסט זיך קלאַמערט האַנט,
שטשעמעט צאָרנדיק דעם סקוועיר.

נעגער און ווייסע

אַ נעגער געזינד
פֿון זעקס מיט אַ קינד
אַרויסגעזעצט אויף טראָטואַר.
אַ באַנק און אַ בעט,
אַ לינקאָלן פּאָרטרעט,
און אַלטע באַפּוצטע גיטאַר.

ס'קלינגט ווי אַ מעשה,
פֿיל נעגער און ווייסע
געקומען מיט רייד און פּלאַקאַטן.
אַ פּראַל און אַ שטויס,
געטראָגן אין הויז —
דאָס מעבל, דאָס קינד און דעם טאַטן.

נאָר ווי אונטער דער ערד
אויף פֿאָרד און אויף פֿערד —
„בלוי-רעק" צום שרעקן און שעכטן.
און ס'טראָגן שוין טרעגער
צוויי ווייסע, איין נעגער,
פֿאַרברידערט אין בלוט פֿון געפֿעכטן.

מעגן לינטשערס און הינט
זיך צעיושען אַצינד
און אָנהאַלטן בלוטיקן שטאַנד.
ס'וועלן ווייסע און נעגער
מיט צייט-נייעם שטייגער
דערהויבן, באַגליקן דאָס לאַנד.

6.

אַלע מענטשן



אַלע מענטשן זײַנען ברידער

אַלע מענטשן זײַנען ברידער,
איין קאָלירפולע משפּחה.
היימיש קלינגען זייערע לידער,
אייגן זייער פרייד און ברכה.
נאָר די נויט ביי מערסטע שוועלן
מאַכט איעדן פרעמד און אָרעם,
און די שרעק פאַר גיהינום־שוועבל
רויבט די רו און שטערט דעם שלום

אַלע קינדער זײַנען פריילעך,
צאַרטע שפּילפולע נשמות,
שפּילן זיך אין העלד און מלך.
מאַכן שפּילן פון מלחמות.
נאָר ווען ווייסע, געלע, ברוינע
מישן זייער בלוט אין טויט,
זעען זיי די וועלט — אַ בוינע
אין דער שלאַכט פאַר מאַכט און רויב

די פאַרליבטע זײַנען גלויביק
אין דעם שענסטן און דעם בעסטן,
זייערע גלוסטן זײַנען אייביק,
גאַרן נאָך די שטילע נעסטן.
נאָר ווען שונא קומט באַרויבן,
שטרעקט נאָך עופעלע די הענט,
שטורעמען אויף שטילע טויבן
און דער צאָרן העליש ברענט.

אַלע מאַמעס ווערן שוועסטער,
אַלע טאַטעס — גוטע ברידער,
ווען די אייניקייט ווערט גרעסער
און ווען חבריש קלינגען לידער, —
ווערט דער צער פאַריאָגט פון שוועלן
און פאַרשניטן פלאָג פון נויט, —
איינגעשפּאַנט די קראַפט פון ווילן
פאַר דעם שלום און פאַר ברויט.

1959

דאָס מענטשלעכע געזאַנג

כ׳האָב ליב דעם זינגעוודיקן יאָג פון שטעפּ־מאַשינען,
דעם פּייקלענדיקן האַמער־קלאַנג אין שוסטערישע הענט,
דעם וועבערס פּאָדעם־זשום אין שפּינדלדיקן שפּינען,
דעם קוזניעדיקן אייזן־ציש וואָס פינקלט און וואָס ברענט.

כ׳האָב ליב דעם קאָסענדיקן שוואונג פון תבואה־שניטער,
דעם מאַניענדיקן באַנען־רוף צו צויבערדיקע שטערן,
דעם שיפלענדיקן נעצן־גלאַנץ און זעגלענדיקן ציטער,
דעם פּראָפּעלאָרס קלינגל־שפּיל אין שוועבנדיקע ספערן.

נאָר ליבערשט נאָך פון אַלץ איז מיר דאָס מענטשלעכע געזאַנג
כ׳האָב ליב געזעלן־ליד ביים רודערן מאַשינען,
נאָר אומעטיק ווערט מיר און ווייטיקדיק און באַנג
ווען ראָבאָטס פינצטער־שטומע שטייען און באַדינען.

1960

עס צאָרנט היינט דער מאַי

עס בליען בערג און טאָלן מיט גרינסן און מיט צוויט.
און פון וואַלד און פעלד און שטאָט
וויברירט אַ זוניקער דער שטראָם פון לעבן.
און איבער טייכן, אָזערעס און ימען
פלאַטערן די רויכן פון שאַפנדיקער מי. —
פאַרוואָס־זשע אָטעמט ניט דער קלאַנג מיט פרייד,
מיט מונטערקייט דער ריטם פון דינאַמאָס,
און יובלט ניט קיין האָפערדיק געזאַנג
פון פרידן, פון באַשאַף און מענטשן־גליק?

געדאַרפט האָט דאָך די וועלט אַ מאַיאיקע איצט זיין,
מיט בליטן פון אַ קנאָספּענדיקן פרידן,
מיט רויזן־לאַנקעס ווי די פאָנען,
וואָס כוואַליען מיטן שוועבנדיקן הימל,

און שטילן אײַן די אימה פֿון דער שלאַכט,
און דעקן צו די פֿרישע קבֿרים אין די הערצער,
און קערן אום אַהיים די אויסגעדינטע קריגער,
צו צערטלעכקייט פֿון מאַמען און פֿון ווײַב,
צו חבֿרשאַפֿט פֿון קינדער און פֿון ברידער.

פֿאַרשלעפּערט האָט מען וועלט מיט כּלומרשטדיקן פֿרידן,
בשותּפֿות מיט פֿאַררעטער פֿון דעם זיג,
וואָס כאָוּוען אין זייער בוזים די יורשים־שרצים
פֿון די אָפּגעראַטעוועטע נאַצי־שלענג.
און זויגן זיי מיט אָנגעזויפּטע ברוסטן
פֿון שנאה־סם און מערדערישע גיפֿטן.
זיי גלוסטן שוין צו גריזשען וואָרצלען פֿונעם פֿרילינג
און ברענגען דעם גאַנגרין צו די פֿרידן־צווײַטן,
און אויפֿוועקן דעם טויט אין בלומען און אין מענטשן
און טונקען זייערע גופֿים אין פֿרישן בלוט.

זיי גרייטן שוין אַ נײַעם שוועבלדיקן מבול
קעגן יענעם לאַנד וואָס האָט געראַטעוועט די וועלט,
וואָס האָט אין אייגן בלוט דערטרונקען די משחיתים,
געטוליעט צו דער ברוסט די אַנטרונענע יתומים,
און געטיילט דעם לעצטן ביסן ברויט מיט פֿעלקער־פּליטים.
זיי וואַרגן שוין אי שטיל, אי פֿראַנק און אָפֿן
אַיעדער האַלדז וואָס רופֿט צום שלום און צו גליק,
און גרייטן שוין די גראַטעס און די שטעכעדיקע דראָטן,
און לייגן שוין די ציגל פֿאַר נײַע קאַלך־אויוונס,
און ציילן שוין מיט נומערן פֿון בראַנד אויף פֿלייש.

זיי האָבן שוין פֿאַרזוכט דעם טעם פֿון ווידערשטאַנד,
אין שלאַכטן פֿון די פֿעלדער בײַ דער יאַנגטשע,
אין טאָל און בערג פֿון עמק און פֿון ירדן,
בײַ די ברעגן פֿון דעם ים אין אינדאָנעזיע,
אין קאָנגאָ און די קובאַנער ברעגן.
און ווילדער ווערט זייער אָנגעגריפֿטער וואַנזין,
און אַלאַרמירנדיקער קלינגען קלויסטער־גלעקער,
און שפּאַרן קלימפּערן אין שטאָל פֿון שווערדן,
און שטורקאַצן צינדן שוין דעם אויפֿרײַס־שנור
וואָס יאָגט מיט האַס צום שפּליטער פֿון אַטאָמען.

שטייט־אויף, געקומענע פון גאַר דער לעצטער שלאַכט,
און יעדערער וואָס טראָגט אַ פרישן קבר נאָך אין האַרצן,
און נעמט אַרום די צאַרטע קנאָספּן פון דעם פרידן!
זאָל ווערן פריי און פרילינגדיק די ערד,
צעבליען בערג און טאָלן מיט גרינסן און מיט צוויט,
און פון וואַלד און פעלד און שטאָט,
פריידיקן זאָל שטראָם פון לעבן,
מיט האָפערדיק און גלויבנדיק געזאַנג
פון פרידן, פון באַשאַף און מענטשן־גליק.

הערט זיך איין

הערט זיך איין צום אָטעם פון דער וועלט,
ווי ער שלאָגט אין הערצער פון מיליאָנען;
ווי ער קרעכצט ביי טאָג פון שווערער מי;
ווי ער קלאָגט ביינאַכט פון וויסטן חלום.
אַ קינד דאָרט וויינט פון הונגער, קעלט,
אַ מאַמע אירע זין פון שלאַכט טוט מאָנען;
אַ טאַטע זאָגט זיך אָפּ צו פאַלן אויף די קני —
דאָס גאַרט די וועלט נאָך פרייד און שלום.

הערט ווי ס'וויטיקט יעדעס האַרץ באַזונדער
און טראָגט אַ פרישן קבר טיף אין זיך.
איעדער טרויער איז אַ קריעה איינגעריסן;
איעדער צאָרן — אַ נר־תמיד אויפגעברענט.
און אַלע וואַרטן אויף דעם גרויסן וואונדער,
אַז קומען וועט באַפרייאונג גיך
און איעדער אומעט וועט פון טרייסט געניסן,
און ברודערשאַפט וועט קלאַמערן די הענט.

פאַראייניקט אַלע וויטיקן פון אַלע הערצער;
פאַר אַלע שלאַכטן שטעלט איין לעצטן מאָנומענט;
פאַר אַלע אייפערן צינדט אָן איין פלאַמענדיקן צאָרן;
פון אַלע טרוימען שפינט איין אויפגעבליטן חלום.
און הילכן זאָל געזאַנג פון פרייע הערצער
מיט פרעכטיקן באַשאַף פון מיענדיקע הענט.
פון שעפעדיקער זעט פון פרוכטן און פון קאָרן
און אָטעמען זאָל וועלט מיט פרייד און שלום.

1950

כל־זמן די זון...

כל־זמן די זון וועט באַלויכטן דעם טאָג
און די שטערן באַזינגען די נאַכט,
וועט דער דיכטער דערהויבן זיין קלאָג
קעגן האַס, קעגן פינצטערער מאַכט.

כל־זמן אַ שטראַל דורך גראַטעס פאַלט
און מונטער וואָרט ברעכט דורך שלעסער,
מאַרטירער־בלוט און לינטש־געשטאַלט
וועט טרייבן שלאָף פון מענטשן־פרעסער.

כל־זמן אַ קינד לעכצט נאָך מאַמעס ברוסט
און מוטער טוליעט צו איר שאַץ,
דער הונגער־רוף און דער שלום־דורשט
וועט קלעמען ווי אין יעדער האַרץ.

כל־זמן די טייכן און די ימען
פאַרבינדן די וועלט מיט כוואַליקן שפּריי,
וועלן פעלקער דאָך טרוימען צוזאַמען
און שטרעבן זיין גליקלעך און פריי.

1962

דער אָדלער פאַרשפאַרט

דער אָדלער פאַרשפּאַרט
איז אין גילדערנער שטייג,
דאָס האַרץ זיינס עס גאַרט
נאָך אַ פלי און אַ שטייג.

ער הערט ווי אַ סטייע
זיך דרייט אין דער לופטן,

זיי שוועבן־אום פרייע
און אים דאָרטן רופט מען.

ער כאַפּט אָן די גראַטע
און בייסט אין דעם גאָלד.
זיינע פליגלען די מאַטע
זיי שלאָגן: געוואַלד!

ווי דעם געפּאַלענעם אָדלער

ווי דעם געפּאַלענעם אָדלער
פּאַר צוואַנג און בלוטיקע זינד.
אין שטרייט קעגן צאַמען און ספּערן
פּאַרצוקט האָט ער ס׳אייגענע קינד.

און עס שטייען געבראָכן די פרײַנט
און ווייטיקן־מיט מיט זײַן שאַנד.
און עס שפּעטן פון אים זײַנע שונאים
און ברענען מיט שנאה זײַן בראַנד.

דער גיהנום אין אייגענעם האַרצן
איז שאַרפער פון פײַנטלעכן האַס,
און ער ברענט זיך אַליין; און ער שרפה׳ט
ביז צעשטויבט זיך אין טליאיקן אַש.

נאָר ווי אַלט־לעגענדאַרישער פעניקס
ער וועט אויפשטיין פון פרישיק אויפסניי,
און מיט גאָלדענע, זוניקע פליגל
צעפלאַטערן זיך אויף דער פריי.

פעב. 1956

גאָלד און זילבער און בריליאַנטן

וויפל האַרעוואַניע, שווייס און מי,
פון אַרבעט־העלד דעם אומבאַקאַנטן
עס לויכטן־אויף פון יעדער גלי,
פון גאָלד און זילבער און בריליאַנטן.

די שענסטע פרוי איר ברוסט באַצירט
און רייצט דעם בליק מיט איידלשטיינער —
דאָס הענגען טרערן אַטראַפּירט,
שריים פון זײַן פלייש און ביינער.

טיף אין קוואַרץ־גרוב און אין מינען
עס זינגען אויסגעמאָרעטע געשטאַלטן:
פון שיינקייט, פרייד און פון באַגינען,
פון גאָלד און זילבער און בריליאַנטן.

1962

עס וועט אייביקייט געדענקען

עס וועט אייביקייט געדענקען דעם ווארשעווער אויפשטאַנד
און די וועלט ניט פאַרגעסן יענעם בלוטיקן רעוואָלט,
ווען אַ פאָלק, איינגעצאַמט און געפירט צו דער שחיטה,
האָט אויף געבויגענע קני מער שטאַרבן ניט געוואָלט.

*   *   *

ערב פסח האָט היטלער באַפוילן צעשטויבן די געטאָ
און ניט נעמען זאָל מער ווי אַ טאָג און אַ נאַכט,
נאָר די יידן צעקלאַפּט האָבן די נאַצי־משחיתים
און דרייסיק טעג און נעכט געצויגן די שלאַכט.

געפּלעפט און דערשטוינט זיינען הענקער געוואָרן,
ווען געקומען זיי זיינען פאַרטיליקן דעם ייד
און געטראָפן אויף מויערן העלדישע קעמפער,
וואָס גייען אַנטקעגן מיט געווער און מיט ליד.

געקריצט האָט דער „פירער" מיט שוימיקע ציינער
און געביסן אין צאָרן די נעגל ביז בלוט:
„דאַנערוועטער, ווי וואַגן דאָס יידן אַנטקעגן זיך שטעלן
און ווייזן די פעלקער אַ ביישפיל פון מוט!"

און געקלאַפּט האָט זיין פויסט איבער טיש פול מיט מאַפּעס,
און געציטערט פאַר שרעק האָט זיין שטאַב גענעראַלן,
ביז וואַנזין פאַרגאָסן מיט גאַל האָט די אויגן
און אין פיבער פון ספּאַזמעס ער איז אומגעפאַלן.

* * *

עס וועט אייביקייט געדענקען דעם וואַרשעווער אויפשטאַנד
און די וועלט ניט פאַרגעסן יענעם בלוטיקן רעוואָלט,
ווען אַ פאָלק, איינגעצאַמט און געפירט צו דער שחיטה,
האָט אויף געבויגענע קני מער שטאַרבן ניט געוואָלט.

1963

העלע האָריזאָנטן

די פינצטערניש געוואָרגן האָט מיט אימה,
דאָס אָנגעשראָקן האַרץ געפילט באַגראָבן אונטער ערד
אינדרויסן האָט דער האַס געריסן דאַך און ביימער,
און נייער „האָכוועסל״ געקלינגען האָט מיט שווערד.

צי איז טאַקע די זון אויף אייביק אויסגעלאָשן
און מענטשן־ליבע ליגט אין גאַס פאַרשניטן,
די ווילדע חיות איבער אוצרות זיך ספּאַלאָשן
און ווערעמדיקע קריכער פרעסן־אויף די צוויטן?

צי זיינען טאַקע אומגעקומען אַלע בראַווע שומרים
און ליגן דאָרט געקוילעטע ביים טויער?
צי זיינען אַלע אָדלער פאַרטריבן פון די רוימען
און פראָפּעל דערגייט שוין ניט צום אויער?

אָן אויפרייס נייער האָט צעשפּאָלטן קברים
און אָנגעצונדן פייער אין די טויטע אויגן.
געקומען פון די וועלדער זיינען די גבורים
און אויפגעפלאַקערט פעלד מיט סטויגן.

מען וועקט מיט גלויבן דעם דערמאָנטן,
מיט פרישע גרוסן פון דער מאַמען,
און צו די נייע העלע האָריזאָנטן
זיך קערן זיגרייך בראַווע פּאַרטיזאַנען.

1960

נישט בלויז פאַריתומטער עמער

נישט בלויז פאַריתומטער עמער
געבליבן איז הענגען איבער חרובן ברונעם.
אַ זון פון דעם פאַסטוך מיט יונגינקע לעמער
נידערט ווידער פון באַרג און וועט קומען.

און אויב דאָס וואַסער אין חרובן ברונעם
איז ברודיק און ביטער געוואָרן,
און דעם היימישן שייער צענומען
האָט פאַרגאַנגענער שטורמיקער צאָרן —

דער פאַסטוך מיט זיין נייעם געזינד
וועט גראָבן אין זאַמדיקער טיף,
און שלאָגן וועט קוואַליק און לינד
אַ וואַסער מיט טויאיקן טריף.

און דער טאָל וועט נאָך הילכיק צעקלינגען
דאָס נעגלען פון אַ דעמבענעם שייער,
און אין בלוי וועט די טרייסט נאָך פאַרשווימען
מיט דעם רויך פון אַ היימישן פייער.

זאַמל־איין די צוזייט־און־צושפּרייטע

זאַמל־איין די צוזייט־און־צושפּרייטע
נאָכן גרויזאַמען שלאַקס און דער בערע,
האַלט פּריינטלעכע הענט דיינע גרייטע
צו לינדערן הערצער די שווערע.

טראָג נישט קיין ביטערע בליקן
אַנטקעגן דעם, וואָס האָט שטורעם געליטן,
בלויז שולטערן ליבע וואָס דריקן
קענען שטילן דערצערנטע בליטן.

חלק־אוים דיין געשפּאָרענעם ביסן,
טייל־צו דיין געלעגער דעם קלאָרן,
אַז דיין ברודער זאָל מער שוין נישט וויסן
פון וואַנדל, פון בייז און פון צאָרן.

און שטעל אים אַוועק ביי דיין זייט,
ביים וואַרשטאַט, ביי דער רוד פון מאַשין,
אַז היילן זאָל פרידלעכע צייט
און באַשטראַלן מיט חברשן זין.

1960

דאָס היימישע ליד

דער פֿאָטער זיינער ביים וואַרשטאַט
געשנורעוועט האָט פֿרעמדע שטיוול,
נאָר זיין ניגון האָט ביז שפּעט ביינאַכט
אָנגעפּילט מיט ליד דאָס שוכטער-שטיבל.

די מאַמע אירע האָט מיט פֿראַניק
געקלאַפּט ביים טייך דאָס פֿרעמדע גרייט,
נאָר איר מענה-לשון האָט מיט תענוג
אויסגעזונגען האַרעפּאַשנע פֿרייד.

און קינדער גייען אום אָן שיך,
האָבן ניט קיין העמדער ווייסע,
נאָר זיי טראָגן שטענדיק אום מיט זיך
דאָס היימישע ליד און די מעשה.

און אַ בלעכער-יונג אויף דעכער
האָט אויפגעכאַפּט דעם שיינעם ניגון,
און אַ שניידער-מויד נאָך העכער
זינגט אים אוים ביי דעם פֿאַסטריגען.

און אַ שטעפּער אונטער ברוקלין בריק
יאָגט אים אין זיין קעלער-קאַמער,
און אַ שלאָסער אין מעטל-פֿאַבריק
קלינגט אים שטאָליק מיטן האַמער.

און אַ סטאָליער-יונג אַ קענער
האָט אינאיינעם זיי פֿאַרבונדן.
ער האָט צונויפגעגאָסן זייערע טענער
און אַ זינג-כאָר אָנגעצונדן.

און באַשוכט און אין העמדער ווייסע
שטייט אַנסאַמבל אין דעם ליכט פֿון שטראַלן,
און דאָס היימישע ליד און די מעשה
קלינגען איבער אַלע שענסטע זאַלן.

און די קינדער פֿון די וועשער-שיסטער
זיינען רייכער פֿון די רייכסטע פֿאַנעס.
און עס ווערט זיי טייערער און ליבסטער
יעדער ניגון פֿון די טאַטע-מאַמעס.

1960

משה דעם שניידערס

(געווידמעט דעם אָנדענק פון משה כץ)

געבענטשט איז געווען משה דעם שניידערס
מיט אַן ערלעכן אַרבעטער-טאַטן,
וואָס אין קאָן פון שער און פון אייזן
האָט ער געלערנט די עמך-געבאָטן:

„זאָלסט משהלע טראָגן אין האַרצן
די ליבע צו דעם פשוטן פאָלק.
און אין אַלץ וואָס דו וועסט דערלערנען
זאָלסטו זוכן דעם זין און דעם טאָלק.

„עס זאָל רייכטום און גבירישע גאווה
קיינמאָל נישט בלענדן דיין אויג,
עס זאָל וויסן און חכמה און חן
דיר פאַרדינען דיין מענטשלעכע לויב.

און געוואַקסן איז משה דעם שניידערס
אין קרייז פון די שניידער־געזעלן,
און די רייד און דער קאַמף און געזאַנג
האָט געטאָן אין זיין האַרץ־פּלוס קוועלן.

דער טאַטע האָט געגעבן זיין זון
צו לעזן פון ביכער און ספרים,
און פאַרטייטשט יעדן זאַץ און פּסוק
וועגן שטרייט צווישן רייכע און אָרעם.

אָפט געזען האָט די שטאָט ניקאָלאַיעוו
ווי דער שניידער פירט ביי דער האַנט
זיין זון צו אסיפות און סכאָדקעס
און געלערנט אים אחדות־פאַרשטאַנד.

און ביי איינער אַזאַ פאַרזאַמלונג
איז אין עולם אַריין פּאָליציי
און פאַרנומען דעם טאַטן און זון
און אין קאַרצער פאַרשלאָסן די צוויי.

זיינען ביידע געזעסן אין פינצטער
און געפּראַוועט אַ למוד פון חצות.
דער אַלטער האָט יונגן פאַרטייטשט
מיט ראיות: „פונוואַנען", „פאַרוואָס":

„זאָלסט, משהלע, שטענדיק געדענקען
די נביאישע ליכטיקע תורה:
פאַרן אמת און יושר זיך שלאָגן
זאָלסטו קיינמאָל נישט האָבן קיין מורא.

אויסגעוואַקסן איז משה דעם שניידערס
אַ לערער און פירער ביי יידן,
און פאַרשפּרייט דעם טאַטנס געדאַנקען
וועגן פרייהייט און גלייכהייט און פרידן.

און ווען משה איז געקומען אין יאָרן
האָט ער פאַראייביקט דעם טאַטנס תורה
אין אַ ספר וואָס טראָגט דעם נאָמען:
„אַ דור וואָס האָט פאַרלוירן די מורא".
יוני 6, 1960

אַ מיידל מיט אַ ליכטיקן פנים

אין אַ הויזגעזינד פון מאַנסבילן,
פון אַ טאַטן מיט צען בנים.
איז אויפגעגאַנגען ווי אַ זון,
אַ מיידל מיט אַ ליכטיקן פנים.

און די מאַמע זאָגט צו די זין,
זאָגט צום מאַן וואָס רעדט בלויז תורה:
הייסן וועט זי נאָך דער העלדין,
דער שטאָלצער, זינגענדיקער דבורה.

און די מאַמע לערנט דבורהן
טאָן אַלץ און וועלן אַלץ וויסן,
האַסן צוואַנג און ליבן פרייהייט,
טיילן זיך מיט לעצטן ביסן.

און די שכנים אין דער געגנט,
אַלע קענען זי און ליבן,
וואו אַ נויט און וואו אַ צרה,
האָט זי טרייסט און פרייד געקליבן.

און די ברידער, די גיבורים,
ציטערן פאַר קליינער דבורה.
פאַר איר העלן, שאַרפן שטראָף־וואָרט
האָבן די רשעים מורא.

און דעם שטרענגן טאַטנס שטערן
קנייטשט זיך ווען עס רעדט זיין דבורה —
ווער זאָל דענקען, אַז אַ מיידל
זאָל גאָר קאָנען זאַגן תורה.

אין אַ הויזגעזינד פון מענער
פון אַ טאַטן מיט צען בנים,
איז אויפגעגאַנגען ווי אַ זון,
אַ מיידל מיט אַ ליכטיק פנים.

1959

לינקאָלנס געשטאַלט

וואו נאָר עס ברענט דער ראַסן־האַס,
וואו נאָר באַצווינגער נוצן גוואַלד,
דורך פאַגראָמירטער שטאָט און גאַס
שטייגט האָפערדיק זיין שלאַנק געשטאַלט.

אין אַרקענסאָ און אין אַלאַבאַמאַ,
וואו טויט־שרעק ברומט דורך לינטשערס קעל,
ער שטאַרקט די האַנט פון נעגער־מאַמע,
וואָס ברענגט איר קינד צו שול־הויז שוועל.

אין דרום־אַפריקע, אין גאָלד־גרוב שטויבן,
וואו ווייסע האַנט ברעכט שוואַרצנס רוקן,
ער שטייט פאַרשעמט, דעם קאָפּ געבויגן,
און ווייען אין זיין האַרצן צוקן.

אין קאָנגאָ ביי אַ פרישן ברודער־קבר,
וואו עס שרייט־אַרויס לומומבאַס בלוט,
ער שטייט און פיבערט מיט איעדן אבר,
און קול זיינס צאָרנדיק, עס רופט.

אין מזרח, מערב און אין דרום,
וואו נאָר אַ פרייהייט־רוף, ער שאַלט,
אייב לינקאָלן שטרעקט אַהין זיין אָרעם,
און זוניק שיינט זיין העל געשטאַלט.

1962

די באַלאַדע קעגן קריג

דער זינגער איז שוין אַלט און בלינד,
ער ווערט געפירט פון אַ שפּראַצלינג־קינד
און וואַנדערט־אום פון הויז צו הויז
און אַלע הערן זיין באַלאַדע אויס.

* * *

איז אַוועק אַ פאָלק סאָלדאַטן
מיט קאַנאָנען און האַרמאַטן;
מיט קאָקאַרדעס און שטיוולעטן;
מיט מעדאַלן און עפּאָלעטן;
מיט ליאַמפּאַסן און גאַלון
און אַ פענדל הויבנאַן.

האָט מען געשיקט אַ פאָלק קאָזאַקן
אויף די אָדלער־פערד וואָס קנאַקן;
מיט די פּיקעס און קינזשאַלן;
מיט די שווערדן וואָס זיי שטראַלן;
מיט טשאָפּרינעס און פּאַפּאַכעס
און אַ געשריי וואָס יאָגט אַ פּחד

האָט מען באַפוילן די סאָלדאַטן,
האָבן זיי געשאָסן פון האַרמאַטן,
און געצילעוועט מיט אַ טראַך,
אויף טשאָפּרינע, אויף פּאַפּאַך,
און צעשאָטן איבער דר׳ערד,
שטיק קאָזאַקן, שטיקער פערד.

האָט מען באַפוילן די קאָזאַקן,
האָבן זיי מיט שווערד גענומען האַקן
און מיט דעם רויך פון רעוואָלווערן
אויסגעלאָשן אויגן־שטערן,
און אויף די פּיקעס „נאַשטוכי"
אויפגעהויבן קעפּ און קני.

האָט מען געשיקט די סאַניטאַרן
מיט אַ געקלאַנג און מיט אַ ליאַרעם,
מיט נאָסילקעס און באַנדאַזשן

און געטראָגן ווי באַגאַזשן —
הויפנס לענדן, הויפנס הענט
און די פאַן וואָס אָפּגעברענט.

זיינען געלאָפן מאַמעס־שוועסטער
מיט אַ יאָמער־וויי דעם גרעסטן
און פון שלאַכט־פעלד, — דעם געלעגער,
אויפגעקליבן שטיקלעך אבר,
און די טאַטעס און די ברידער,
טיף געגראָבן קברים־גריבער.

און די קינדער הונגעריקע ליגן,
קיינער טוט זיי ניט פאַרוויגן,
קיינער ברענגט זיי ניט קיין מילך,
קיינער טוט ניט אָן קיין שיך,
קיינער בייט־ניט־איבער העמד,
קיינער נעמט ניט אויף די הענט.

און די זון האָט זיך פאַרבאָרגן,
וויל ניט אָנצינדן דעם מאָרגן,
וויל ניט שיינען, וויל ניט בענטשן,
וואו געקוילעט ליגן מענטשן,
וואו גאָטס שלום־בויגן
פינצטערט אין די טויטע אויגן.

בלויז דער זינגער בלאָנקט־אום,
און זיין גיטאַר זי ווערט ניט שטום:
„פאַר די קליינע קינדערס וועגן
הערט־אויף טויט אויף שליאַכן לייגן.
טראָגט אַהיים די ליבע גיך,
ברענגט צוריק די זון און ליכט.
* * *

דער זינגער איז שוין אַלט און בלינד.
ער ווערט געפירט פון אַ שפּראָצלינג־קינד,
און וואַנדערט־אום פון הויז צו הויז
און אַלע הערן זיין באַלאַדע אויס
פון די פינצטערע און בייזע צייטן,
ווען די ליבע האָט געפעלט ביי לייטן.

1962

לידער וועגן שלום
(געווידמעט דעם שלום־קאָנגרעס)
(1962)

אין לאַנד פון מזרח

אין דעם לאַנד פון מזרח,
וואו די זון גייט־אויף,
קומען זיך די פעלקער
שלומדיק צונויף.

גרייז און יונגלינג,
מוטער און איר קינד,
ברענגען פריד־באַגערן
פון זייער הויזגעזינד.

דיכטער, דענקער, שאַפער
ברענגען אָנזאָג הארבן:
„דערלאָזט נישט, אַז די וועלט
זאָל פון אַטאָמען שטאַרבן!”

אַ מאַמעס קלאָג

וואָלט איך פליגלען צוויי געהאַט,
געפלויגן וואָלט איך ביז די הימלען
און אויסגעקעמפט אַ רואיק אָרט
פאַר מיין הויזגעזינד צו דרימלען.

צעשטערט איז איצט מיין שטילע נעסט,
געפאַלן איז דער שפייכלער־שייער,
געקומען זיינען בייזע געסט
און ברענען לאַנד מיט צונגען פייער.

געזוכט וואָלט איך אַ בלויען באַרג,
ערגעץ אויף אַ גרינעם אינדזל,
וואו ס'איז די זון מיט פרייד ניט קאַרג
און שפרינקלט היים מיט גאָלדן פינדזל.

וואו בלום און פויגל, פיש און רינד
אין פרידן שפינען זייער חלום;
וואו מאַן און פרוי, גרייז און קינד
זיך גריסן בלויז מיט שלום.

וואָלט איך פליגלען צוויי געהאַט,
געפלויגן וואָלט איך ביז די הימלען
און אויסגעקעמפט אַ רואיק אָרט
פאַר מיין הויזגעזינד צו דרימלען.

יוגנט־געבעט

אַטאָמישע פייגל פאַרשטעלן דעם הימל,
אַטאָמישע פיש אין די ימען,
אַטאָם-טשערעפּאַכעס צעטרעטן דאָס בלימל,
פאַרטיליקן קינד מיט דער מאַמען.

אָ, עפנט דעם הימל פאַר אָדלער און לערכע,
גיט פרידן צוריק צו די טויבן,
גיט פרייהייט צוריק די גערעכטע,
גיט פרייד אָף די מאַמעשע אויגן.

דער דיכטער דערציילט

פאַרוואונדעטע העלדן זיך קערן אַהיים פון דער שלאַכט
אין אַ זילבערנער שיף מיט אָדלער-פליגל,
וואָס זינגעוודיק הויכט אין לבנהשער נאַכט
און שאָטנדיק שווימט איבער ימישן שפּיגל.

דער פּילאָט וואָס פירט די שיף אַזוי גיך
קוקט מיט נייגיר אין מאָרגן וואָס טאָגט
און רעדט צו די אַנדערע נאָענט צו זיך
און מיט ווייטיק אין האַרצן ער זאָגט:

כ'בין אָפט געפלויגן צו צילן פון טויט
און פעסטונגען־שטעט מיט פּולווער געריסן,
נאָר קאַיאָר האָט נאָך קיינמאָל אַזוי נישט געבלויט
מיט ברעגן און בערג וואָס באַגריסן.

דאָרט ערגעץ אין טאָל, ביים טייכל-באַריר,
אין דעם שטיבל אין זוניקע פלאַמען,
וועל איך לאַנדן מיט האַרץ אין אַן אָפענער טיר
און פאַלן אין די הענט פון מיין מאַמען.

ס'האָבן הונדערטער שלאַכטן מיין וועזן געשפּליטערט
און דעם בלוטיקן טויט געזען האָט מיין בליק,
נאָר קיינמאָל מיין האַרץ האָט אַזוי נישט געציטערט
אין דערוואַרטונג פון היימישן גליק.

מוז דער נעכטן פֿאַרבלייבן אַ בלוטיקע נאַכט
און פֿרידלעכער מאָרגן בלויז חלום?
אָ, ברידער, זאָל זיין שוין אַ סוף צו דער שלאַכט!
לאָמיר ברענגען אַהיים איצט דעם שלום!



שלום־קעמפֿער

דער פֿרידן־גייסט פֿון פֿאַריזער „לאַ קאָנקאָר"
האַלדזט דעם דענקער פֿון טראַפֿאַלגער סקוועער
און דער שאַפֿער פֿון דער „באַבי יאַר"
קושט דעם באָרד פֿון טשיליאַנער בערג.

דענקער, דיכטער, וואונדער־שאַפֿער,
מענער, פֿרויען פֿון פֿאַבריק,
געקומען זיינען אויסקעמפֿן דעם שלום,
פֿאַרזיכערן דאָס לעבן און דאָס גליק.

און די זון אין לאַנד פֿון מזרח
שיינט מיט ליבשאַפֿט און בטחון:
„עס וועט די מענטשהייט בלייבן לעבן,
באַגליקן שלום מיט נצחון!"

אין ווירבל־שטראָם פון לעבן

(לידער פון שפּיטאָל)

אין ווירבל־שטראָם פון לעבן
געשוואומען בין איך ברוסטיק
און ס'האָט סטיכיע מיר געגעבן
געזאַנג וואָס אָטעמט לוסטיק.

מײַן קלאַפּטער האָט צעשאַלט
דאָס ליד פון זײַן און ווערן,
ווי הירש אין פרײַען וואַלד,
ווי לערכע אין די ספערן.

און האָט דער שטורעם זיך צעשפּילט
און אויסגעגאָסן ווילדן צאָרן,
אין רו־געצעלט האָט ליב געהילט
פרײַנטשאַפטס ברענענדיקער דאָרן.

און ווען מײַן ברוסט וועט ווערן מיד
צו שנײַדן ווירבלדיקע שטראָמען,
די פרייד פון פרידלעכן געמיט
וועט מיר אין שטורעם־ליד דערמאָנען.

אויגן

אין פרײַנטשאַפטס בליק,
אין ליבשאַפטס שמייכל
איז דאָס פאַרבאָרגן גליק
פון אייביק־בליענדיקן היכל.

און ווען אַ טויענדיקע טרער
צעפינקלט אַפּלדיקע אויגן,
דער מיניענדיקער פרייד־באַגער
שטראַלט ווי דער רעגן־בויגן.

אַ מזלדיקער זיווג

זיי זיינען ביידע זיך באַשערט,
אַ מזלדיקער זיווג —
ער האָט זי גאָרנדיק באַגערט
און זי האָט אָפּערדיק באַוויליקט.

און פרייד באַגלייט די טריט
פון זייער שותפותדיקן גייען.
אין יעדן קנאָספּעדיקן בליט
קוועלט זייער זיין אין צווייען.

אייביקייט

בײַם פֿעלזן־ראַנד, בײַם סוף־באַריער,
וואו לעבנס שטראָם יאָגט ראַש און העל,
מיט ברוכוואַרג פֿון לבֿנות און פֿון זונען,
בלויז פֿאַרשטאַנד דערבענקט באַגער,
אַז טיפֿער תּהום איז בלויז אַ שוועל
צו נײַע ספֿערן און צו נײַע זונען.

דעם מענטשנס זײַן

אין אָנענדלעכקייט פֿון זײַן און ווערן
די זון איז בלויז אַ מאָרגן־שטערן,
געדאַנק איז בלויז אַ שטראַל־געוועב,
געזאַנג איז בלויז אַן אָטעם־רעג.
דאָך אין געדעכעניש פֿון ליכט און ספֿערן
דעם מענטשנס זײַן וועט ניט פֿאַרגעסן ווערן —
זײַן פֿאַרבן־גלאַנץ אין אַלע בליטן;
זײַן פֿליגל־זשום אין אַלע סאַטאַליטן;
זײַן שמייכל־אויג אין אַלע ווייטן;
זײַן האַרץ־געזאַנג אין אַלע צײַטן.

טאָג, נאַכט און מאָרגן

דער טאָג פֿאָרט אויף רעדלעך
אין לײַלעכער געהילט.
די קלאָג זינקט פּאַמעלעך
אײַנגעשלעפֿערט, אײַנגעשטילט.

די נאַכט ליגט אין קרענק,
אין ווייען און אין זאָרגן.
בלויז דער ווילן ער בענקט
נאָך אַ ליכטיקערן מאָרגן.

דער פֿרימאָרגן ער איז לויטער
פֿון די נעכטיקע טעג
און די זון, זי איז רויטער,
אויפֿן היימישן וועג.

7.

לידער פון ישראל

(1962-1959)

אויף פליגלען פון פרילינג

אויף פליגלען פון פרילינג,
מיט ווינט פון אַפּריל,
כ׳בין געקומען צופליען
אין נאַכטיקער שטיל.

דער לופט-פעלד באַלויכטן,
די שטאָט ווינקט מיט שויבן,
און די כרמלער הויכן
צינדן קרענצעלעך טרויבן.

די שטיבער זייַ גלאַנצן
צווישן גערטנער אין שאָטן,
דער ריח פון מאַראַנצן
פאַרשיכורט דעם אָטעם.

היימישע ערד

עס שמעקט דאָ מיט היימישער ערד,
ווי די גערטנער און טאָלן פון דניעסטער,
און דאָס האָרץ דיינס באַגערט
זיך באַהעפטן מיט ברידער און שוועסטער.

מעג פרעמד זיין דער שטעכיקער סאַבראַ,
ניט היימלעך דער שטויב פון כאַמסין,
די רייד וואָס דער כנעני צעדברט,
דער צוואַנג-קלעם פון קלערישן דין —

דאָך העלט אין קיבוץ האָרעוואַניע
און עס שטראַלט דאָרטן וועלטלעכער חלום,
אַז אין חיפה, אין יפו און דגניה
וועט נאָך פלאַטערן אחוה און שלום.

אַלייען שלאַנקע

אַלייען שלאַנקע אוקאַליפּטן
ציען זיך מיט נייע וועגן.
אַט לויפט אַ באַרג מיט צווייטן
און דאַלינע זיך לעגן.

און ווידער לויפט אַ צווייטער
מיט שלענגלענדיקע קאַרבן כביש
און חרמון באַרג, אַט גייט ער,
מיט שנייען אויפן קריזש.

און אונטן שמייכלט דער כנרת
מיט אָוונטלעכן שקיעה-שיין.
ער האָט די זון צעהערנערט
אין זיין אָנגעפילטן כוס מיט וויין.

חיפה ביינאַכט

אָנגעצונדן שויבן-קרוין
אויף דיין הויך מיט שטיבער
און דער פאָרט ער דרעמלט איין,
זעגלען פלאַטערן אַנידער.

די לבנה זילבערט ים,
בערג צעפינקלטע זיך טוליען.
די פראַצע שלאָפט דאָרט איין,
לוסט הויבט אָן ערשט הוליען.

אָ, שטילע ווייסינקע טעראַסן,
אָ, נעסטן מענטשלעכע אין חלום,
זאָל אחוה-ליכט ניט בלאַסן,
זאָל קריג ניט שטערן אייער שלום.

דער כּרמל

דער כּרמל שפּיגלט זיך אין חיפה,
און חיפה שפּיגלט זיך אין ים,
און די זון מיט פרייד אַ שפּע
באַשטראַלט זיי מיט איר פלאַם.

די שיפן קומען אָן מיט רויכן,
די באַן לויפט אָן און ראַשט,
און מענטשן קלעטערן צו הויכן,
שטייען באַצויבערט און באַראַשט.

און דער חרמון פונדערווייטנס
שמייכלט מיט די ברעמען שניי,
און דער ירדן, ווי פאַרצייטנס,
מורמלט מיט זיין העלן גיי.

קיסריה

עס ליגט דאָ דאָס קייסערטום
נאַקעט, פאַרשטיינערט,
דאָס זאַמד ווייעט אום
און שאַנעוועט קיינעם.

איר וועט שוין, קיסרים,
דאָ מער נישט בלענדן,
דאָס פאָלק, וואָס איז אָרעם,
וועט איר נישט פאַרלענדן.

איז ליגט־זשע אַנטיקן
און זאַמלט־אָן שטויב,
בלויז מייסטער וואָס גליקן
פאַרדינען די לויב.

נצרת

מען זאָגט, עס איז הייליק דער וועג
וואו דער נביא איז דאָ געגאַנגען,
און אַז די אַלטע פאַרגאַנגענע טעג
שוועבן דאָ אום מיט געזאַנגען.

איך זוך אין געזיכט און אין אויגן,
אין בעטלערשן ציטער פון הענט,
צי איז נאָך פאַרבליבן דער גלויבן,
צי טליעט אַ פונק וואָס געברענט.

איך גיי צווישן נויט און ראַכיטן,
איבער חורבות מיט שילדן באַשטעלט,
איבער וועג פון דעם מענטש וואָס געליטן
און געטראָגן זיין האַרץ צו דער וועלט.

כ נ ר ת

טאָפּאַז-בלויער, כוואַליקער קרייז
צווישן ברוין-גרינע בערג,
מיט דערפער צעשפּרינקלטע ווייס,
מיט גאָלדענע פעלדער ביים ברעג.

ביי דגניה הויבט אָן צו רינען
מיט זילבערנע שטראָמען דער ירדן
און דרום-צו טוט ער געפינען
די שטיינערנע היילן און קאַרבן.

און ווייט איבער עמק באַזעצטן
עס שמייכלט פון דאָרטן דער ים,
מיט עכוס פישער-פאַנג נעצן,
און חיפהס וואַרשטאַטן אין פלאַם.

אַראַבישע דערפער

צווישן פעלדער דערהויבן,
ביים קיבוץ שיכון,
צווישן ברויטן און טרויבן
זעען קברים זיך אָן.

דאָס זיינען בלויז ווענט
און לעכער אָן שויבן.
דאָ געבויט האָבן הענט
און גענעסטיקט דאָ טויבן.

געהערשט האָט דאָ צאָרן,
דער קריג האָט געברענט,
זיינען קינדער פאַרוואָגלט געוואָרן
און איינזאַמע שטייען די ווענט.

צ פ ת

דער הימל הענגט לויטער, העל,
איבער בערג, איבער טאָלן,
און שיינט אויף די שטיבער, וואָס הויכן.
די ווייסינקע שטיבער געטינקעוועט געל
שלאַנקען מיט גרינע קופּאָלן
און פאַלן מיט געסלעך וואָס טויכן.

אַ כאַבראַ מיט ווינטיקן שויבער
גייט נאָך סטיליוואָטע געשטאַלט
פון באַ'פּיאה'טן, באָרדיקן זיידן,
און גילדינער, שטויביקער צויבער
פלאַטערט זוניק צעשטראַלט
און קוועלט אָן פון ביידן.

מ ת ו ל ה

עס דרימלט דער דאָרף
ביי לבונונשער גרענעץ,
ס׳בלאַנקען וואָלקנס ,ווי שאָף,
איבער חרמון, וואָס גענעצט.

בלויז איך שטיי ביים דראָט,
וואָס טיילט־אָפּ מדינות,
און ווער ווייסט, צי עס דראָט
נישט קיין אויפרייס פון מינעס.

פון זייטן רייפט ווייץ,
אַרום בליט דער קאָרן.
אָ, שיקזאַל, נישט רייץ,
אָ, מענטש, היט דיין צאָרן!

ת ל ־ א ב י ב

ווער האָט אויסגעחלומט אָט־די ווייסע שטאָט
צווישן געלע זאַמדן און דעם בלויען ים?
אַ טרוימער פון דניעסטער און דעם פּרוט,
פון שוואַרצערד און זוניקן באַשטאַן.

ציען זיך די גאַסן, ליקן, וועגן
צו דעם שליאַך, וואָס טראָגט זיין נאָמען,
און ווי פרישע בליאונג נאָך אַ רעגן,
טורעמען די דירות ווי די שוואָמען.

פּאַנאָמע, קעפּע, שטריימל און קעפּיע,
לאַנדווירט, סוחר, אַרבעטער און למדן,
און די זון אין גלימערדיקער שקיעה
באַשטראַלט אַזוים צווישן קופּעס זאַמדן.

י ר ו ש ל י ם

פון העכסטן שטיינערדיקן טורעם
זע איך ביידע טיילן שטאָט.
אָט שטרעקט איך אויס דעם אָרעם
און ריר אָן גרענעץ און זיין דראָט.

די נייע אויפגעבויטע טייל
העלט מיט ווייס און בלי פון גרין;
די אַלטע — מיט קופּאָל און הייל
רוט, אַנדרימלט אין כאַמסין.

פאַרוואָס האָט האָס די שטאָט צעטיילט?
נאָכוואָס די וועכטער מיטן שטאָל?
און שיר השירים האָט דערציילט,
אַז ליבע האָט געזונגען דאָ אַמאָל.

פון באר־שבע ביז סדום

פון באר־שבע ביז קיין סדום
בלאָזט אַ כוואַליענדיקער זאַמד.
מען הערט נישט קיין וואַסערן־שטראָם,
מען זעט נישט קיין פעלדער אויף לאַנד.

בלויז בעדואינער דאָ ציען
מיט קעמלען און גרויע לעמער,
און ביי ברונימער טרוקענע קניען
פאַרן טריף, וואָס פאַרבליבן אין עמער.

נאָר אָט טוט פון וויטן אַ גרין
מיט אַ פעלד פון אַ יידישן ישוב.
ווי קומט אַן אָאַזיס אַהין?
אינדער'אמת'ן? צי צויבערט דער כישוף?

געזאַנג פון קיבוצים

פון דעם ים־פאַס ביזן ירדן,
פון כנרת ביז אילת,
בלאָנקען מער ניט קיין נאָמאַדן,
קעמלען ציען נישט קיין לאַסט.

וועגן שטראָמען דורכן גערטנער,
כביש'ן קלעטערן דורך גרין,
און פון טאָל און הויכע ערטער
גאָלדיק העלן קיבוצים.

פליער שוועבן אין די רוימען,
ימלער האָרעווען אין האפן.
באַגערן לאָזן זיך נישט צוימען,
הענט ציען זיך צו שאַפן.

פורים אין עין־השופט

קום, שופט, און זע —
דיינע קוועלנדיקע קוואַלן.
אויפגעגאַנגען דער פאַרזיי,
אויגן קינדערשע — זיי שטראַלן.

אויף אפרימס שיינע בערג
קווייטלען די געצעלטן,
עולים ברענגען זייערע ווערק
פון אַלע עקן, וועלטן.

און זיי טראָגן שלח־מנות,
פרייד און פורים־טרייט.
נעם־זשע, שופט, די מתנות,
זאָג דער וועלט: „עס בליט!"

דגניה

איך האָב געזען דעם סירישן טאַנק
אַ פאַרגליווערטן שטיין אין דיין טויער —
אַן איבערגעבליבענער צייכן פון קאַמף,
פון מענטשלעכן מוט קעגן לויער.

און דאָרט איבער זוניקע שטרעקעס פון פעלד
האָט דער טראַקטאָר געלאָזט זיך אין גאַנג,
און פון שול־הויז מיט פענצטער באַהעלט
האָט דערהערט זיך דאָס קינדער־געזאַנג.

איך האָב באַטראַכטן די צעבליטע אַלייען
פון דיין שיינעם נאַטור־אינסטיטוט,
און געקומען צו די שוועלן,
וואו דער טאַנק אַ פאַראַנקערטער רוט.

קיבוץ לוחמי־הגיטאות

ווייסט איר, קינדער, קליינע סאַברעס,
פונוואַנען טאַטע־מאַמע שטאַמען?
פון די געטאָ־קאַמפן האַרבע,
פון די רייען פאַרטיזאַנער.

און ווען מאַמע זינגט מיט טרויער:
„ליו־לינקע־ליו־ליו״ ביים וויג —
ס׳איז דער זיידע־באָבע דויער,
ס׳איז פון נעכטן — שטיקל גליק.

און ווען טאַטע זינגט פון סאָכע
טרייבנדיק דעם טראַקטאָר־גאַנג,
וויים, ס׳איז אַ ירושה־ברכה,
וויים, ס׳איז אָבותדיק געזאַנג.

תל־חי

איבער בערג זיך צעשריגן
האָט דער לייב פון גראַניט.
מ׳האָט געשטערט דאָ דעם פרידן,
שטייט ער גרייט און ער ברילט.

און עס ווייסן די פעלדער,
עס געדענקען די טאָלן.
עס זיינען געפאַלן דאָ העלדן,
פון דער שהיטה פון שטאָלן.

און דער פאַסטוך מיט רינדער
קלעטערט-אום און ער היט.
אויך ער איז שומר אַצינדער,
ווי דער לייב פון גראַניט.

יד־מרדכי

ביי עגיפּטישער גרענעץ, ביי עזה,
צווישן דראָטן און לויערנדיקע גריבער,
שטייען טורעמס באַוואָפנט מיט העזה
און דראָען שפּייכלער און שטיבער.

און אינמיטן פון בליענדיק צוויט
שטייט דער פעלז-מאָנומענט,
מיט מרדכי אַנילעוויטשס געזיכט,
מיט פאַרביילטע, העלדישע הענט.

און טאַטעס און מאַמעס און קינדער
רוען אין קרייז פון זיין שאָטן,
און טרוימען, אַז צייט זאָל זיין לינדער,
אַז שניט-צייט זאָל זיין געראָטן.

דליה

געקומען זיינען טענצער צום פאַרמעסט
און ס׳שפּילן די פלייט און די פּויק.
און בלאָנד און ברוין און אַלע געסט
שפּיגלען זיך — אויג-אין-אויג.

הענט פאַרוואָרפענע אויף אַקסלען,
פּים צעווייעטע אין ווינט.
און די קרייזן וואַקסן, וואַקסן
און די לבנה שמייכלט לינד.

און דער כרמל און דער באַרג תבור
און די קליינע בערגלעך אויך
וויגן זיך אין יובל-כאָר
שוועבן מיט די פאַקלען-רויך.

יד־חנה

צווישן קיבוץ און ירדנשן שטעטל
שפּראָצט אַ יונגער געקרייזלטער וואַלד
אויפן נאָמען פון יוליוס און עטל,
קרבנות פון האַס און פון גוואַלד.

מיט מוט און מיט שוויסיקער מי
געכאָוועט דעם וואַלד האָבן הענט,
געטריבן דעם שונא פון טיר,
ניט־פאַרגינער — פון היימישע ווענט.

און צוזאַמען מיט וואַלד וואַקסן קינדער
פאַרהיטע פון נויט און געפאַרן,
און געדענקען זיי וועלן דעם וואונדער
פון דער העלדישער חברה ביים ירדן.



אייערע שענסטע בלומען

אייערע שענסטע בלומער, אייערע מענטשן,
אויפגעגאַנגענע אויף זומפּ און זאַמד,
זוימען פון די ווייטסטע קאָנטינענטן,
אָנגעטראָגענע פון שטורעם און פון דראַנג.

די פיאָלקע פון די פּאָדאָליער טאָלן;
דער לאַנדיש פון די אַנדער־בערג;
אייראָפּייער טולפּן, יענקי גלאַדיאָלן,
דער יאַסמין פון מאַראָקאַנער עק.

און זיי קווייטלען זיך און רויטן,
און זיי צוויטן אין דעם בלויען רוים.
זייער זין — באַגאָלדיקט ברויטן,
זייער ליכט — באַזילבערט טרוים.

חנהלע פון אשדות־ים

פון קיסריהס פעליזיקע רואינען,
פון צווישן פישער־קיבוץ שטאָם,
אויפגעגאַנגען אין באַגינען
איז חנהלע פון אַשדות־ים.

און אויף פליגלען צוויי געטרייע
אוועק איז זי קיין בודאַפּעסט,

קליינוואַרג ראַטעווען פון פייער
און ברענגען זיי צו זיך אין נעסט.

ווען די נאַצים האָבן זי געפאַנגען
און דערשאָסן אין דער נאַכט,
איז איר נשמה אויפגעגאַנגען
און באַלויכטן פּאַרטיזאַנען־שלאַכט.

ג ב ע ת י

אויף ירושלימער בערג און אין טאָל
באַזינגט אים דאָס פאָלק אין זיין לאָר.
זיין בליק איז נאָך בלוי ווי דער שטאָל
און פאַרסמאַליעט די רויטלעכע האָר.

נאָר היינט טרייבט ער טראַקטאָר אין פעלד
און שניידט־אָפּ דעם גאָלדענעם קאָרן.
ער וויל שוין נישט זיין מער קיין העלד,
וויל פאַרגעסן דעם אַמאַליקן צאָרן.

און פרעגט מען אים וואָס איז זיין חלום,
און וואָס איז זיין צוקונפט־באַגער,
זאָגט ער: „גיט מיר דעם שלום
און ווישט אוים פון יתום די טרער”.

א ל י ש ב ע

ווי אַ פלאַטערדיקע, ווייסע מעווע,
ווי אַ וואַנדערנדיקע קראַנקן־שוועסטער,
גייט איבער די ישובים אלישבע
און לינדערט וואו די נויט איז גרעסער.

עס קענען זי די קינדער פון מתולה
און די גרויע זקנים אַרום צפת,
פאַר פרויען־תימנער אַ נחמה,
אַ שטראַל פאַר יעדן קיבוץ־יאַט.

אויגן בענטשן זי אין באר־שבע,
ווען זי לאָזט זיך צוריק אין וועג:
„גאָט, באַהיט דיין אלישבע,
ברענגען זאָל זי גוטע טעג”.

ו ר ד י

אינדערפרי ראַמט ער שטאַלן
און קעמט-אויס די געפלעקטע קי,
אין אָוונט די אויגן זיינע שטראַלן
און געזאַנג זיינס טוט אַ פלי.

זיין צימערל מיט בלומען און מיט ביכער
און אויפן טישל ליגט זיין פליט,
און ער גייט-אום רואיק-זיכער
און באַפליגלט זיינען זיינע רייד.

און אין קרייז פון גרינעם קיבוץ
זינגט ער אוים זיין פרייד-געמיט,
וועגן דער מי וואָס ברענגט אַ נוץ,
וועגן דער רו וואָס שאַפט דאָס ליד.



פ ר י י ד ל

ביי חצורס חרובע ווענט,
אין קיבוצס יאָלאַווע-וועלדל,
ליגט אין שטיין-מאָנומענט :
„פריידל — דאָס בראָנזווילער מיידל".

געקומען איז זי פון קאַנאַרסי,
אין פעלזיקן עמק אַריין,
און מיט באָרוועסע פיס אירע ווייסע
אויסגעטראָטן דעם רויטלעכסטן ווייך.

און אין קיבוץ די ווײַנשטאָקן שטייען,
און עס קלינגט דאָרט איר ליד,
און די זעלבע צוויי גריבעלעך חן
ביי איר פריילעכער טאָכטער שולמית.

דער פּאַסטוך־קריגער

ער האָט געפירט אין קאַמף די לייבן
און איבער נגב — „פוקס־בריגאַדע".
היינט פירט ער רינד און לעמער
און קלעטערט מיט זיין ציג־פּלעיאַדע.

ער טראָגט שוין מער נישט קיין כלי־זין,
קיין באַפעלן, טורן, מוזן.
מיט זיין פּאַסטוך־שטאָק אין האַנט
ער זוכט בלויז פרישע גראָזן.

און זיין סטאַדע, ווי די קינדער,
עסט און שמעקט די גרינע זעט,
און דורך אויסגעהוילטער דודע
שפּילט ער אָוונטדיק געבעט.



דאָוד

אין טבריה,ביים ברעג פון כנרת,
אין קרייז פון אַראַבישער עדה,
כ'האָב געהערט ווי דאָוד האָט גערעדט,
דער דיכטער אין אַרבעטער־קליידער.

מיט פינגער פאַרברענטע פון בליי,
מיט עלנבויגנס דרוק־פרישן טינט,
ער האָט געזונגען פון זיין אויף־דער־פריי,
און געקריגט קעגן קליינעם פאַרדינסט.

און באַגלויבטע זיי האָבן פאַרנומען
דאָס באַפליגלטע וואָרט וועגן פרידן,
וועגן הייליקער צייט וואָס וועט קומען
צווישן פעלקער — אַראַבער און יידן.

די פאָן פון שלום

און יצחק איז אַ ייד
און תופיק אַן אַראַבער,
נאָר ביידע וואוינען אין תל-אביב
מיט קינדער, אייניקלעך און ווייבער.

איז ווי-זשע קאָן מען ברוגז זיין
און שטענדיק אָנפירן דעם קריג,
אַז פענצטער קוקן העל אריין
און קינדער האָבן זיך גאָר ליב.

און יצחק בעט ביים ווייב און קינד:
העלפט מיר אויסשטרעקן די האַנט,
און תפיק מיט זיין הויז-געזינד
ברעכן אויפגעשטעלטע וואַנט.

און יצחק שטרעקט אַריבער האַנט.
און תופיק נעמט זי אָן,
און איבער שטויב פון ברוגז-וואַנט
עס פלאַטערט שלום-פאָן.

שלום עליכם אין די בערג פון אפרים

אין די בערג פון אפרים
אין עין-השופט
האָט דער פורים צעטאַנצט זיך
ביז קאַיאָריקער שפּעט.

און דער ייד און אַראַבער,
דער רוס און פראַנצויז
האָבן באַל-מאַסקאַראַד
דאָרט געטאָן אַ צעברויז.

תימנער יידן, רומענישע עולים,
יענקים אין האַליוואַוד גלאַנץ,
פאַרוואָרפן הענט, צעהוליעט פיס,
אין אַ קאַסרילעווקער טאַנץ.

אָט גייט שלום עליכם,
אים פירט שמעון-עליע,
און אַ חסיד אין שטריימל
פירט אָן די קאַפעליע.

און עס שפרינגט מאָטל פייסים
אין מונדיר פון אַ וועכטער,
און טביה דער מילכיקער
מיט ווייב און די טעכטער.

און אַראַבער אין פלוידערן,
אין שוואַרצע אַבאַיעס,
זיי זינגען און טאַנצן
און מאַכן האַוואַיעס.

און זקנים און יונגען
און מאַמעס און טעכטער,
זייער הילכיק געלעכטער
הויבט ממש די דעכער.

און הויך איבער זיי,
איבער בערג פון אפרים
לאַכט-מיט שלום עליכם,
פאַר שלום, לחיים!

8.

געזאַנג פון פעלקער

(1960)

פון סאָוועטישן פאָלקלאָר

גאָלדענע אוקראַינע

(פון אוקראַיניש)

גאָלדענע אוקראַינע,
לאַנד מיינס מיט אַ שפע ברויט.
פאַר דיין קיום האָט דאָס פאָלק
בלוט פאַרגאָסן און געליטן נויט.

זאָל זיין, ניט איין מאָל דיך געטראָטן
האָבן שונאס טאַנק און פערד;
זאָל זיין, פילצאַליק דיינע זין
געפאַלענע באַשיצנדיק דיין ערד —

נאָר נישט געלינגען איז די ווייסטע פיינט
איבער דיר צו קייכן;
מיר האָבן זיי דערטרונקען
אין שוואַרצן ים און דיינע טייכן.

און אַצינד מיין לאַנד באַפרייטע,
ביסט אָנגעטאָן אין בונטע קווייטן.
און מיט טראַקטאָרן צעאַקערט
ברייטע פעלדער, לאַנקעס, בייטן.

מיט גערעטענישן גרויסע
איז באַרימט דיין אויפגעריכטע נויט.
גאָלדענע אוקראַינע,
לאַנד מיינס מיט אַ שפע ברויט.

אַרויס אין פעלד דאָס גאַנצע פאָלק

(פון מאָלדאַווישׂ)

גרינע בלעטער, פּרוכטן גאָלד,
אַרויס אין פעלד דאָס גאַנצע פאָלק.
אַרויס אויף ערד דער אייגענער,
פאַר פּריצים מער נישט קיין געבויגענער.
באַטראַקן ווילן מיר נישט זיין,
פאַר די גבירים שפּאַנען זיך נישט איין.
רייכע האָבן אונדזער שוויים געזויפּט,
בייזער ווי סאַראַנטשע אויף סטעפּעס לויפט.
היינט געליבט בלויז מי, און גאָר!
פוילע, גייט צום שוואַרצן יאָר!
צונויפלייגן מיר וועלן אַלע מיען,
אַז אונדזער דאָרף זאָל זיך צעבליען.
זאָל אונדזער ברודערשאַפט זיך מערן
און צום אַלטן לעבן זיך ניט קערן.

ווייסע גאָלד

(פון אוזבעקיש)

עפן זיך, עפן זיך,
ווייסינקע גאָלד,
שנעלער זיך עפן.
די וועלט איז געוואָרן
אַ גאָרטן, מיין האָלד,
דו נאָר, זיך עפן.

ווי מיידלעך, וואָס ציען
דעם שלייער פון בליק,
עפן זיך, עפן.
ווי האַרץ וואָס דערקענט
געפונענעם גליק,
עפן זיך, עפן.

גיט אַ קוק ווי שיין

(פון אורמוריש)

אוי, שוואַרצע סמאָראָדינע, שוואַרצינקע,
נאָך שוואַרצער זיינע מיינע אויגן.
אוי, שוואַרצע סמאָראָדינע, שוואַרצינקע,
נאָך שוואַרצער זיינען מיינע אויגן.

אוי, ווייסער שניי, אוי, ווייסער שניי,
נאָך ווייסער פון דעם שניי איז מיין טיכל.
אוי, ווייסער שניי, אוי, ווייסער שניי,
נאָך ווייסער פון דעם שניי איז מיין טיכל.

גאָלדענער פלאַקס, גאָלדענער פלאַקס,
נאָך גילדענער פון אים מיינע צעפּ.
גאָלדענער פלאַקס, גאָלדענער פלאַקס,
נאָך גילדענער פון אים מיינע צעפּ.

רויטלענדיקע עפּל אין דעם גאָרטן,
נאָך רויטלענדיקער זיינען מיינע באַקן.
רויטלענדיקע עפּל אין דעם גאָרטן,
נאָך רויטלענדיקער זיינען מיינע באַקן.

גרינע גראָזן אין דעם פרילינג,
נאָך גרינער זיינען מיינע קליידלעך.
גרינע גראָזן אין דעם פרילינג,
נאָך גרינער זיינען מיינע קליידלעך.

זיבנקווייטיק איז דער רעגנבויגן,
נאָך קווייטיקער פון אים מיין פאַרטוך.
זיבנקווייטיק איז דער רעגנבויגן,
נאָך קווייטיקער פון אים מיין פאַרטוך.

אוי, אויף דעם פעלד דעם קאָלכאָזנעם
גייט אַרום אַ טראַקטאָר און ער פייפט.
אוי, אויף דעם פעלד דעם קאָלכאָזנעם
גייט אַרום אַ טראַקטאָר און ער פייפט.

אוי, גיט אַ קוק ווי שיין
עס רודערט אים מיין ליבסטער.
אוי, גיט אַ קוק ווי שיין
עס רודערט אים מיין ליבסטער.

אויף יענער זייט באַרג ביי דער קרעניצע

(פון ווייסרוסיש)

אויף יענער זייט באַרג ביי דער קרעניצע,
וואו עס פינקלען די וואַסערלעך טראָפּנס,
נאָכגעגאַנגען איז די מאַלאַטילקע
אַ יונגע מיידל בינדנדיק סנאָפּעס.

אוי, געבונדן האָט זי און געזונגען,
אַז ס'איז גוט צו לעבן אויף דער וועלט.
אויב ערלעך מען טוט נאָר די אַרבעט,
אויב פון אייגענער פּראַצע מען קוועלט.

און אין ענטפער געדרוישט האָבן ברויטן,
און פון זאַנגען געזונגען האָט ברויז:
אַז דאָס קאָלכאָזישע רייכע לעבן
שטראָמט פריידיק צו איטלעכנס הויז.

איך געדענק און דערמאָן זיך
די פאַרגאַנגענע יאָרן:
קיין פרייהייט, קיין פרייד,
בלויז נויט, און ניט טאָרן.

ניט געהאַט האָב איך רו
פון פאַרטאָג ביז די שטערן.
כ'האָב געאַרבעט אויף פעלדער
ביז נעכט פלעגן טויאיקע ווערן.

נאָר היינט איז אַלץ ניי,
יעדער פּאַר און פאַרוואָס.
איך בין געוואָרן אַ מענטש
און אַריין אין קאָלכאָז.

גליקלעך געקומען איז לעבן
אין הויז און אין פעלד,
ווי אַן עפּלבוים בליט
מיין שיינקייט און קוועלט.

אונדזער לעבן ווערט באַנייט

(פון בוריאַטיש)

בלוי און רויטע בערג
דאָס געלע בלימעלע באַצירן.
דאָס שיינע מיידל
טוט אין אוירינגלעך זיך צירן.

באַרגיקער וואַלד — דער בעסטער,
פון אים כ׳בוי אַ הויז זיך אין גראָז.
די באָלשעוויסטישע מאַכט האָט געזיגט,
כ׳וועל דער ערשטער אַריין אין קאָלכאָז.

עס בליען בלעטער אויף די צווייגן,
די ביימער האָבן זיך באַנייט.
די מענטשן האָבן זיך פאַראייניקט,
אונדזער לעבן ווערט באַנייט.

וואוהין־זשע פליסט אַנגאַראַ טייך?
צום בלויען ים זיך יאָגט.
וואוהין־זשע שטראָמט דאָס פאָלק?
אין קאָלכאָז אַריין זיך טראָגט.

פון אונדזער ליכטיק, רויטן פלאַם,
ווערט אפילו דער גראַניט פאַרלענדט.
פון דער סאָוועטישער זיגערישער פאָן
ווערט דער יאַפּאַנער פיינט פאַרברענט.

אויסוואַל

(פון אַרמיאַניש)

איך האָב אַן אויסגעצירטן שייער,
דאָרט מיין פערד ער פילט זיך פרייער.
איך וויל ניט חתונה מיט קולאַקס זינדל,
ער איז אַלץ וואָס אין דער קאָרט,
לאַנגע וואָנציעס און אַ מיאוסער,
רויט און שטעכיק איז זיין באָרד.

פרייען זיך מיין פערדס פאַדקאָוועס,
ווען איך צערטל אים און כאָווע.
איך וויל נישט גיין, און וויל נישט גיין
מיט סוחרישן בונאָק.
בלייכע צורה, רויטע נאָז,
זיין נשמה אַ פיאַטאַק.

איך טראָג אַ קליידל ציכטיק, ריין,
איך טראָג מיין ליבע פאַר זיך אַליין.
פאַר גלחל איך וויל נישט גיין —
ער זינגט מיט קוויטשיקע פאַלצעטן,
ער שאַכערט ליכט פאַר שטאַרק געטראַנק,
ווען ער טוט נאָר גאָט אָפּבעטן.

ווער־זשע איז ליב און ווער איז שיין?
פאַר וועמען וועסטו אַ כלה גיין?
איך וועל גיין מיט דעם טראַקטאָריסט,
מעסט אים ניט מיט יענע מאָסן!
שוואַרצע אויגן, קין געגאָלט,
אַ יאַט אַ וואוילער איז מיין חתן!

נורי־דזשאַן

(טורקמעניש וויג־ליד)

ביסט געקומען אויף דער וועלט אין פרילינג,
ליכטיק־פּנימדיקער נורי־דזשאַן.
ביסט פון האַרצן מיינס דער ליבלינג,
שײַן פון מיינע אויגן, נורי־דזשאַן.

נאָך דעם ווינטערדיקן חושך —
מיט בלימעלעך און פייגל בליט דער לאַן.
דאָס באַליבטסטע קווייטל ביסטו מיינס,
נאַכטיגאַל מיין — נורי־דזשאַן.

די רעוואָלוציע האָט באַפרייט
אונדזער לאַנד פון באַיאַ־כאַן.
עס רוישן מונטערע די שטראָמען
פון אונדזער טייך אַריק, מיין דזשאַן.

בייזע אויגן האָט געהאַט דער באַיאַ,
תפילות פינצטערע דער מולאַ־מאַן,
היינט אַ נייער אלף־בית אונדז לערנט,
זיי געלערנט, נורי־דזשאַן.

עס גייט אַוועק אַ יאָר נאָך יאָר,
זע נאָר וויפל ביכער דאָרט פאַראַן.
און נאָך דיר וועט גיין דאָס פאָלק,
זיי־זשע קלוג, מיין נורי־דזשאַן!

פאַראַן אַ לאַנד

(ביראָבידזשאַנער ליד)

פאַראַן אין ווייטן מזרח אַ פראַכטפול שטיקל ערד,
צווישן די בלויע טייכן בירא און בידזשאַן,
וואו לאָנקעס גרינע פאַר בהמות, שאָף און פערד,
און אייזן, קוילן, האָלץ און מאַרמאָר איז פאַראַן.

וועלן דאָרטן זיך משפחות יידישע באַזעצן
און פאַשען וועלן זיי דאָרט פעטע רינדער,
כאַפּן וועלן זיי די זילבער-פיש מיט גרויסע נעצן,
און זאַמלען מילך און האָניק גאָלדענעם פאַר קינדער.

און בויען וועלן זיי דאָרט שטעט און דערפער,
אַז זייער גליק נישט ווערן זאָל פאַרלאָשן,
און זייער פרייד וועט קלינגען הויך און העכער
דורך זייערע קינדערס שיינעם יידיש לשון.

געזאַנגען פון אַמעריקאַנער אינדיאַנער

(1963)

די שלום־ליולקע . . .

דער דונער־פויגל פליט פאַרביי
מיט בליצן און מיט צאָרן,
אַן אָנזאָג ס׳קומט אַ רעגן־שפּריי
און וואַקסן וועט דער קאָרן.

מאָרגן צירט מען אויס געצעלטן,
שייטערן עס וועלן ברענען,
אַרום דעם שבט אויסגעשטעלטן
וועלן טאַנצן די וואָס קענען.

פֿלעכט־אויס די צעפּ מינהאַהינע,
און פֿאַרב דיר צו דאָס פּנים,
טו אָן די ווייסע מאַקאַסינען
פֿון הירשן־לעדער, קאָרע־פּאָדים.

טו אָן דריי פֿעדערן, סוענעק,
דריי בופלאָקסן האָסטו געפֿאַנגען.
די שונאים דיינע ציטערן פֿאַר שרעק
און ס׳לויבן פֿריינט מיט געזאַנגען.

אַרום דעם פֿייער, ווירדיק, הויך,
זיצן וועט דער הויפּטן־שטאַנד,
און דער שלום־ליולקעס רויך
וועט גיין פֿון האַנט צו האַנט.



טשיפּעווא־לידער

עס קומט צופליען
ווי אַ פלאַטערדיקער פויגל.

-:-:-

דער באָדן ציטערט
ווען איך בין גרייט אַריינקומען.
מיין האַרץ פאַרלירט זיך
ווען איך בין גרייט אַריינקומען
אין שלאָש פון גייסט...

-:-:-

דער קלאַנג פון פליסענדיקע וואַסערן
קומט נעענטער צו מיין היים.

-:-:-

שיין ווי אַ שטערן
הענגענדיק אין הימל
איז אונדזער שבת־שלאָש.

-:-:-

וואָס דערציילט איר מיר?
איך בין אויסגעצירט ווי די רויזן
און אַזוי שיין ווי זיי.

-:-:-

דער קלאַנג ציטערט און פאַרגייט.
ער איז פון פינף קלאַנגען:
פרייהייט.
דער קלאַנג ציטערט און פאַרגייט.
ער איז פון פינף קלאַנגען.

-:-:-

וויין נישט
איך וועל ניט שטאַרבן.

-:-:-

ער מוז זיין זייער טרויעריק,
זינט ער האָט זיך אַזוי גענאַרט
און מיך פאַרלאָזן
אין דער צייט
פון מיינע יונגע טעג.

איך וועל גיין און רעדן
מיט מיין האַרץ־באַשערטער,
די אלמנה.
מיט מיין האַרץ־באַשערטער,
די אלמנה.

-:-:-

דו גלוסט אומזיסט
איך זאָל דיך זוכן.
די סיבה איז —
איך קום
זען דיין יינגערע שוועסטער.

-:-:-

צייטנווייז
באַדויער איך זיך אַליין,
בשעת דער ווינט טראָגט מיך
אַריבער דעם הימל.

-:-:-

די הימלען גייען
און נעמען מיך מיט.

-:-:-

פון יענער זייט העלפט
פון הימל,
דאָס וואָס לעבט דאָרטן
קומט און מאַכט אַ טומל.

-:-:-

איך האָב געטראַכט
דאָס איז אַן אַזערע־לון,
נאָר דאָס איז געווען
מיין געליבטנס
שיפּלענדיקער רודער.

-:-:-

בשעת מיינע אויגן
זוכן אין דער פרעירי,
פיל איך דעם אָטעם פון זומער
אין בליענדיקן פרילינג.

טעטאָ־סו לידער

אַ קול
וועל איך אַרויסשיקן:
הערט מיך אוים!
צום לאַנד,
אומעטום,
אַ קול
שיק איך אַרוים:
הערט מיך אוים!
איך וועל לעבן!

-:-:-

איך שטיי
אין צענטער פון דער ערד,
דערזעעט מיך!
אין ווינט־צענטער
שטיי איך,
דערזעעט מיך!
אַ וואָרצל־היילונג,
דערפאַר שטיי איך,
אין ווינט־צענטער
שטיי איך.

-:-:-

אַ וואָלף
באַטראַכט איך זיך.
נאָר איך האָב גאָרנישט געגעסן.
דערפאַר
פון שטייען
בין איך מיד געוואָרן.
אַ וואָלף
באַטראַכט איך זיך.
אָבער די סאָוועס
רופן
און
מיך שרעקט די נאַכט.

-:-:-

די זקנים זאָגן,
אַז בלויז די ערד
בלייבט אייביק.
איר זאָגט דעם אמת,
איר זייט גערעכט.

-:-:-

בשעת די יונגע קריגער
זיינען פאַרביי
האָב איך אים געזוכט.
איך בין נאָך אַלץ איבערראַשט,
וואָס ער איז מער נישטאָ.
צו דעם
קען איך זיך נישט צוגעוויינען.

פאָוני־לידער

דער פרילינג קומט.
איך קען דערשמעקן
די פאַרשיידענע דופטן
פון די ווייסע פלאַנצן
געניצטע ביים טאַנצן.

-:-:-

געליבטע, עס איז גוט,
האָט ער געזאָגט.
דער דונער,
עס איז גוט!

-:-:-

געלער שטערן האָט מיך באַמערקט.
ווירקלעך, ער האָט מיר געגעבן
אַ שטאַרצנדיקן געלן פעדער,
אָט דער געלער שטערן.

פאַפאַגאָ־לידער

פוכקע ווייסע פעדערן
שוועבן אונטער זון־פאַרגאַנג
און אַרום די ראַנדן
פון דער וועלט.

-:-:-

מאָרגן־שטערן איז אויפגעגאַנגען.
איך גיי אַריבער די בערג
און דעם ליכט פון ים.

-:-:-

אַ ווייסער באַרג
שטייט אינמיטן מערב.
ער שטאַרצט אַזוי פראַכטפול.
עס פינקלט מיט ווייסע זיילן ליכט,
זיך נויגנדיק אַרונטער צו דער ערד.

-:-:-

רעדט נישט, רעדט נישט,
עס פאַלט אַ שניי
און עס דאַכט זיך, אַז דער ווינט
בלאָזט אויף צוריקוועגס.

יומאַנער־לידער

די וואַסער־פליג זי ציט
די שאָטנס פון דעם אָוונט
צו זיך, איבערן וואַסער.

-:-:-

אין קאָקאַר וואוינט אַ מיידל
און איר נאָמען איז העסוציטאַ.
זי איז זייער שיין.
אירע אויגן ווי די שטערן,
אירע שיינע אויגן
ווי די גייענדיקע שטערן.

-:-:-

מען האָט געהייסן דער סאָווע
טאָן וואָס זי קען.
זי האָט בלויז געהופּעט
און דערציילט פון מאָרגן־שטערן,
און ווידער געהופעט
און אָנגעזאָגט דעם קאַיאַר.

נעגערשע מאָטיוון



אַפריקאַנישע ליד

— טאָכטער מיינע, שוין צייט דיך פֿאַרקנסן,
צוועלף העלע זומערס אויף דיין פּנים צעגאָסן.
קום, כ׳וועל דיר זוכן אַ חתן אַ שיינעם,
אפשר האָבן די כאַפּערס געלאָזט דאָרטן איינעם.

— מאַמע, איין מאַן וועט מיך קיינמאָל ניט פֿרייען,
איך האָב אין זיך ליבע מער ווי פֿאַר צווייען.
ווערסט זען, איך וועל געבן איעדן פֿון זיי
מער ליבע ווי ס׳האָבן צוזאַמען די צוויי.

כ׳וויל איינער זאָל טראָגן אַ סרפּהקע שווערד
און יאַגדן דורך נעכט אויף ספּאָלאַשעטן פֿערד.
און ווען דער מאָרגן וועט פּאַלמע באַגיסן מיט גאָלד
זאָל ער קומען אַהיים און געפֿינען זיין האָלד.

דער צווייטער זאָל זיין אַ פֿישער אַ פּלאַם
און ריזלען דורך טעג איבער כוואַליעס פֿון ים.
און ווען אָוונט וועט פֿאַלן אויף בוים און אויף קוסט
זאָל ער נאַכטלעגן קאָפּ אויף מיין ליבנדער ברוסט.

— קינד מיינס, אַזוי איז באַשערט שוין פֿון לאַנג,
אַז זעלטן איז מאַן און שווער איז זיין פֿאַנג.
גיי, טאָכטער, געפֿין דיר כאָטש איינעם פֿון זיי
און ליב אים אַזוי ווי געליבט וואָלסטו צוויי.

די באַלאַדע וועגן דזשאָן הענרי

ווען דזשאָן הענרי איז אַ קינד געווען
איז ער געזעסן אויף זיין זיידנס קני
און געזאָגט: „כ׳וועל מיט ,טשו-טשו׳ באַן
זיך פאַרמעסטן מיט מיין מי״.

ווען דזשאָן הענרי איז אַ יונג געוואָרן
האָט ער געזאָגט זיין אַלטן טאַטן:
„כ׳גיי מיטן האַמער אין די בערג
און קום מיט גאָלד פון דאָרטן״.

דזשאָן הענרי האָט געהאַמערט שטיין,
דער האַמער האָט געהאָגלט קלעפּ,
יעדן פעלדז געשפּאָלטן אויפן האָר,
אַז געיאָמערט האָבן הויכע בערג.

„דזשאָן הענרי״, האָט געזאָגט דער עלטסטער,
„איך ברענג אַן עגבויר דאַמף-מאַשין,
וועט זי איבעריאָגן האַמער
און צעשפּאַלטן בערג אויף דין״.

דזשאָן הענרי האָט געזאָגט דעם עלטסטן:
„אַ מענטש איז מער ניט ווי אַ מענטש,
איידער ס׳וועט מיך דאַמף באַזיגן,
פאַל איך מיטן האַמער אין די הענט״.

דזשאָן הענרי האָט געזאָגט דעם עלטסטן:
„אַ מענטש איז מער ניט ווי אַ מענטש,
אויב איך וועל צום דאַמף פאַרלירן,
כ׳גיב אַ הונדערטער, דיר, מענטש!

דזשאָן הענרי האָט געזאָגט דעם עלטסטן:
„דערלאַנג אַ האַמער פון צוועלף פונט,
הענטל מאַך פיר פוס די לענג,
וועל איך שטעלן דאַמף צו גרונט!"

דזשאָן הענרי איז אַוועק צו׳ר אַרבעט,
מיט צוועלף פונט האַמער זיך צעשפּאַנט,
ער איז אַוועק און קיינמאָל צוריק געקומען,
ער איז געפאַלן מיטן האַמער אין דער האַנט.

דזשאָן הענרי האָט אַ יינגעלע געהאַט,
אויף דער דלאָניע אים געהוידעט אַלעמאָל,
אין לעצטן טאָג האָט ער אים שטיל געזאָגט:
„אויך דו וועסט זיין אַ מאַן פון שטאָל".

דזשאָן הענרי האָט געהאַט אַ ווייבל,
איר נאָמען איז געוועזן פּאָלי-אַן.
אין טאָג ווען דזשאָן איז טויט-געפאַלן
האָט זי דאָס שטאָל געהאַמערט ווי אַ מאַן.

דזשאָן הענרי איז געפאַלן טויט,
זיין האַמער זשאַווערט נאָך ביז איצט,
מען קען אים זען נאָך איצט מען וויל
אין טונעל דאָרט אויפן וועג קיין לידס.

דזשאָן הענרי איז שוין לאַנג ניטאָ,
נאָר ס׳וואַרט נאָך אַלץ דאָס שטאָל,
אפשר קומען וועט נאָך דזשאָן,
און צעשוואונגען קלאַנג אין טאָל.

א י י פ ע ר

טאַנצט אַ מויד אַרום מיין מאַן,
זי וויל אים אָפּגעווינען,
איך האָב איר האַנט אין זיינער
שוין געפינען.
ווײַנט אין מיר מיין האַרץ.

איר פּנים איז געפּוידערט ווייס,
אירע האָר אין בוימל איינגעשמירט,
ער זאָל ווערן גרינג
פאַרפירט.
בלוטיקט מיר מיין האַרץ.

זי איז געקומען צו מיין טיר,
האָב איך איר קלייד אַראָפּגעריסן,
איך האָב דאָס העמד אויף איר
צעריסן.
קילט אין מיר דאָס האַרץ.

בעסאַראַבער לידער

(1935-1937)

טשובאַן

שפּיל מיר אַ דאָינע, וואַסילי,
אַזוי ווי געשפּילט האָט טשובאַן,
אין דאָינעס צעבלעזלטע שטילע
איז אומרו און פייער פאַראַן.

נעם מיך אויף דניעסטער, וואַסילי,
און שיף מיך אַראָפּ מיטן שטראָם,
מען זאָגט, אַז די וואַסערן טראָגן
אין שוואַרצן און שטורמיקן ים.

דאָרט ליגט ער, מיין שיינער טשובאַן,
מיט צעבלוטיקטן קאָפּ אויפן גרונט,
פאַר הויבן זיין מעכטיקע האַנט
אין רויטן „פּאָטיאָמקישן" בונט.

איך וויל מיט די אויגן דערגרונטעווען
דעם טיפן און פינצטערן ים.
אונטער האַרצן ביי מיר דאָרט צעבונטעווען
דעם זון פון דעם שיינעם טשובאַן.

— — — — — — — — — — — — —

שפּיל מיר אַ דאָינע, וואַסילי,
אַזוי ווי געשפּילט האָט טשובאַן.
אין דאָינעס צעבלעזלטע שטילע
איז אומרו און פייער פאַראַן.

טרייסט

נו, וויין נישט, מיין ליבע, ניט וויין.
די זון וועט נאָך קומען אין פלאַמען,
די פינצטערע נאַכט וועט פאַרגיין.
ס'האָט אומרו דיין בענקשאַפט געפאַנגען
און ס'דאַכט זיך דיר — דו ביזט אַליין.

נו, וויין נישט, מיין ליבע, ניט וויין.
דער טאָג וועט מיט ליכט דיך צעשטראַלן,
ס'וועט צייט דיך אין שוואַרצערד פאַרזייען,
וועסטו גרונטן מיט וואָרצלען צעפּראַלן
אין פריידיק צעבליטן געביין.

נו, וויין נישט, מיין ליבע, ניט וויין.
עס בליצט שוין די לופט מיט געפאַרן,
דורך שטורעם וועט וואונדער געשען —
ס'וועט אויפשטיין אַ דור פון בונטאַרן
מיט זון אין די אויגן און ציין.

וויג־ליד

שלאָף, מיין טשובאַנעלע, שלאָף.
קעפּל — געקרייזלטע שאָף.
דאָס זינגען דאָרט אָרעמע שניטער
ביי סטויגן פון פרישן קאָרן.
דאָס סווישטשעט די בייטש פון דעם היטער
און וויל בייגן דעם פויערשן צאָרן.
שלאָף, מיין טשובאַנעלע, שלאָף.
קעפּל — געקרייזלטע שאָף.

שלאָף, מיין טשובאַנעלע, שלאָף.
קעפּל — געקרייזלטע שאָף.
דאָס קלינגט דאָרט די שאַרף פון אַ קאָסע
אין שוואונג פון אַ מעכטיקער האַנט.
דאָס הירזשען די פערד פון אַ ראָטע,
זיך רייסן ספּאַלאָשען אויף לאַנד.
שלאָף, מיין טשובאַנעלע, שלאָף.
קעפּל — געקרייזלטע שאָף.

לעגענדע

געשען איז דאָס אין יענער נאַכט,
ווען די לבנה האָט איר אויג פאַרמאַכט
און דער וואַלד האָט זיך אין טייך פאַרטראַכט.
איז דער ווינט אַראָפּ פון בלויע בערג,
אַ פלאַטערדיקן טאַנץ אויף גרין אַוועק
און זיך צעציטערט איבער וואַסער פון טשערעט.

אַ פאַסטוך האָט פון שלאָף זיך אויפגעכאַפּט
און ס׳האָט זיך אין זיין בלוט געדאַכט,
אַז ס׳וויינט ווער דאָרטן אין דער נאַכט.
איז ער אַראָפּ און האָט דערזען ביים ברעג
ווי ס׳שפּילט דער ווינט אויף צווייגיקן טשערעט
און ס׳טאַנצט פאַר פרייד אַ וואַסער־שד.

טשובאַנס ליד

אַ ציגיינער געבראַכט האָט אַ שניי־ווייסע בלום
און באַפּוצט זיין געליבטע מיט חן:
— שווער מיר, גיטאַנאַ, ביי דער קוויט וואָס איז שטום,
וועסט אָפּהיטן האַרץ דיינס פאַר מיר בלויז אַליין.

האָט גיטאַנאַ פון גאַרטל געצויגן קינזשאַל
און געשוואָרן ביי שטאָלענער שאַרף:
— זאָל לעכערן ברוסט דער קאַלטער מעטאַל
אויב פרעמד וועט דיר ווערן מיין האַרץ.

נאָר אין איינער אַ שיינער לבנהקער נאַכט,
ווען אַ צווייטער האָט היים זי געקושט,
באַפאַלן ציגיינער איז ביידן אין שלאַכט
און קינזשאַל האָט געלעכערט איר ברוסט.

די נאַכט האָט געציטערט פון טויטלעכן ברום
ווען דער בלוטיקער שטראָם איז אַרויס,
פלאַמיק געוואָרן איז שניי־ווייסע בלום
און אויף אייביק פאַרבליבן אַ רויז.

דראַגוצעס ליד

צווישן דערפל און דעם שטעטל,
אויף דעם ברייטן שליאַך,
שטייט אַ קרעטשמע — ליים און ברעטל
און פון שטרוי דער דאַך.

און דער קרעטשמער האָט אַ טאָכטער —
שפּילעוודיקער ווײַן.
יעדע נאַכט פאַרכמורעט טראַכט ער
וואו זי קען דאָרט זײַן.

און דער טאָכטערס ליפּן דינע
ציטערן אין טרויער,
ווײַל אין פעלד, אין שעפּסן־סטינע,
שפּילט טשובאַן אויף פלויער.

און דער קרעטשמער קען ניט שלאָפן,
האָט זײַן קינד אין זינען,
ווײַל ניט איין מאָל שוין געלאָפן
איז זי צו דער סטינע.

די דאָינע

אַ פּאַסטוך האָט דערהערט אין שלאָף,
עס וויינט אַ קינד און עס רעדט,
האָט ער פאַרלאָזט די סטאַדע שאָף
און געגאַנגען זוכן אין טשערעט.

און ער שטייט און גלויבט ניט אויגן
אויף גרויסן וואונדער וואָס ער זעט:
געשפּאָלטן הענגט אַ ראָר געבויגן,
דער ווינט בלאָזט וויינענדיק געבעט.

ווען אַנטשוויגן איז דער ווינט געוואָרן,
און דאָס וויינען האָט אויפגעהערט,
איז צוגעפאַלן פּאַסטוכס ליפּ צו ראָרן
און די דאָינע האָט זיך שטיל דערהערט.

רעקרוטן־ליד

אין אַ ווייטן וועג
גיי איך איצט אַוועק.
איבער ווייטע ימען, איבער ווייטע לענדער
וואַנדערן דורך נעכט און טעג,
איבער פרעמדע שליאַכן ווי אַ פרעמדער.
אין אַ ווייטן וועג
גיי איך איצט אַוועק.

אין אַ ווייטן לאַנד
גיי איך נע־ונד.
ווייט פון שיינער מיידל, ווייט פון ליבער היים,
טראָגן וועל איך ביקס אין האַנט
און דעם בייזן טויט אַנטקעגן גיין.
אין אַ ווייטן לאַנד
גיי איך נע־ונד.

אויף אַ פוסטן פעלד
ליג איך דאָרט, דיין העלד.
אָן אַ העלצל צלם, אָן אַ שטיינדל קבר,
יונג פאַרשניטן פון דער וועלט,
אַש און פאַרעך יעדער אבר.
אויף אַ פוסטן פעלד
ליג איך דאָרט, דיין העלד.

דניעסטער, דניעסטער...

— דניעסטער, דניעסטער, וואָס־זשע יאָגסטו אַזוי מוטנע,
כמורעסט אומרו מיר אין האַרצן?
— יינגל, יינגל, עס זיינען צייטן סמוטנע,
טראָג איך בלוט צום ים דעם שוואַרצן.

— דניעסטער, דניעסטער, וואָס־זשע טראָגסטו דאָרט באַהאַלטן,
טיף אין שוים פון דיינע גרונטן?
— יינגל, יינגל, אַזש פון שנייאיקע קאַרפּאַטן
טראָג איך שטורעמדיקן גרוס פון בונטן.

דערצייל אונדז, קאַטאָווסקי

דערצייל אונדז קאַטאָווסקי:
ווער איז ער, דער לענין,
וואָס זאָגט ער וועגן פרידן און ערד?
צי האָט ער געשיקט
אַ שליח אונדז נעמען?
לאָז אים ויסן —
מיר ברענגען אים שווערדן און פערד!

מיר וועלן די ווייסע
אין שוואַרץ־ים פאַרטרייבן,
באַפרייען אַדעם פון פראַנצויז.
די טראָלד־היידאַמאַקעס
ווי פאַרעך צערייבן,
און דייטשן —
מיר לייגן ווי סנאָפּעס זיי אויס!

מיר וועלן פון דניעסטער
ביז רואיקן פרוט
אַ שלאָג־טאָן מיט שווערד און מיט שרויט,
דער סטעפּ וועט צעקלינגען
דעם פרייהייט מאַרשרוט
און פאָנען —
צעוויקלען אין זוניקער רויט.

דערצייל אונדז, קאַטאָווסקי:
ווער איז ער, דער לענין,
וואָס זאָגט ער וועגן פרידן און ערד?
צי האָט ער געשיקט
אַ שליח אונדז נעמען?
לאָז אים וויסן —
מיר ברענגען אים שווערדן און פערד!

פּאַרניאַלע

אַ שיפל זיך גליטשט אין בלויען באַגינען.
טשובאַן און וואַסילי אויף זילבער אַנטרינען.

עס שאַטנט אַנטקעגן די דניעסטערשע סקאַלע.
אַ פּאַסטוך מיט פייפל צעציטערט פּאַרניאַלע.

אין לייוונטער טאָרבע בלויז ברעקעלעך זעט.
וויינען די ליפּן אויף דעם צווייג פון טשערעט.

דער פעלדענער גינגאַלד, כוואַליעט און זשומעט,
נאָר וואַסערלעך ריזלען קאַרפּאַטישן אומעט.

דער סטעפּ טוט אַ הירזש מיט פערד און מיט פויער,
נאָר וואַסערלעך בלעזלען מיט וואַלעכשן טרויער.

דער טאָל ווערט צעשאַלט פון מאָרגן-ברויט האָרן,
נאָר וואַסערן יאָגן מיט מאָלדאַווישן צאָרן.

פּאַרטיזאַנער לאַגער

ביי דעם אויסגוס פון דעם דניעסטער,
ביים שוואַרץ-ימיקן לימאַן,
זינגען קריגער וועגן פרייהייט,
וועגן העלד — דעם אַרבעטסמאַן.

און אויף סקאַלע פערד פאַרריסן
שניידט קאַטאָווסקי זיך אין ווייט ;
אפשר צינדן זיך דאָרט ברעגן,
אפשר יאָגט מען און מ׳איילט.

און עס וועקט דעם קאָמאַנדיר
אַ הויך און הילכיקער ראַפּאָרט :
— געקומען איז צו אונדז אַ יונג
און וויל אין לאַגער דאָ אַן אָרט.

קוקט קאָטאָווסקי אויף טשובאַנען
און זעט דעם ברען אין זיינע אויגן
ווי שניטער יאָגן איבער סטעפּ
און גיטער פלאַקערן ווי סטויגן.

יתומים

קליין בין איך
און קום פון סאָראָטשעי.
מיינע גרויע אויגן,
פול מיט אומעט און מיט וויי.

קריג און פייער
האָט צעשטערט מיין היים,
כ׳בין אָן טאַטע-מאַמע,
אָבער ניט אַליין.

איך און יינגל,
שוועלבעלעך צוויי,
וועלן נעסט׳ נאָך בויען
אויפן בארג פון סאָראָטשעי.

ס׳איז צייטיק דער שניט

ס׳איז צייטיק דער שניט
און טאָג איז נאָך רויט,
קום שנייד מיט אונדז מיט
און טייל אונדזער ברויט.

ס׳קומט אָסיען באַלד אָן,
מער זאָרג און מער מי,
ווער מען דאַרפן פיל טאָן
אַרום פערד, אַרום קי.

נעם, חבר, די קאָסע
און קום אין געוויג,
וועט זיין קאָרן און פּראָסע
און פרייד אויך און גליק.

קרענצלעך טרויבן

קרענצלעך טרויבן פון דעם אַלטן גאָרטן
טעמים טערפּקע, זויער־זים.
ס׳האָט די זון זיי אויסגעבראָטן
פאַר דעם קבצנס שבת־טיש.

און דער טאַטער האַלט דעם בעכער,
זאָגט מיט בנים די ברכה־יין,
און די אויסגעפּוצטע טעכטער
שעפּטשען שטילע צו: לחיים!

און דאָס פּיסנע שטיקל חלה
גאַרט נאָך טשאָלענט ווי ביי גבירים,
און די הונגעריקע שבת־כלה
הערט געזאַנג פון שיר־השירים.

פּאָדאָליער ליד

שפּיל, קאָבזאַר, פּאָדאָליער ליד
פון טאַראַס דעם זינגער,
צונטער אויף מיין שווער געמיט
מיטן קלאַנג פון דיינע פינגער.

כ׳האָב דיך ליב, אוקראַאינער יונג,
און דעם שוואונג פון דיינע לידער,
דו דערצאָרנסט מיר מיין צונג,
צינדסט דאָס בלוט אין מיינע גלידער.

כ׳האָב דיך ליב, פּאָדאָליער מויד,
און דעם בעז אין דיינע אויגן,
ווען דיין אָוונט־ליד פאַרבלויט,
וואָלט מיין האַרץ צו דיר געפלויגן.

דער מאַמעס לשון

דער פֿאָטער גענוען איז אַ מגיד פֿאַר לייט,
די מאַמע — אַ זאָגערין פֿאַר ווייבער.
ער פֿלעגט פֿאַרקלענערן דער פֿרוים באַדייט,
דערהייבן בלויז די ספרים־שרייבער.

ער האָט געהאַלטן זיינע בנים אַרום זיך
און אויסגעפּשטלט יעדער שפּרוך.
די טעכטער אַלע אָפּגעשיקט אין קיך —
צו דער מאַמעס האַרעפּאַשנעם פֿלוך.

נאָר ווען אין קרייז פֿון עזרת־נשים
זי פֿלעגט איר שווערע צונג צעבינדן,
איר צאָרן פֿלעגט צעטליען אַלע חושים,
איר לשון — דעם בית־מדרש אונטערצינדן.

און מאַנסבילן האָבן אויסגעהערט די טענה,
דערזען די דבקות אויף איר פּנים,
און יעדעס וואָרט האָבן פֿאַרשטאַנען —
איר שטאַם צעבונטעוועטע בנים.

דער מגיד רוט שוין אויפֿן הייליקן אָרט,
און די גראָזן זיין שטויב טוען קושן,
נאָר די בנים פֿאַרשפּרייטן דאָס וואָרט,
און עס קלינגט אָפּ דער מאַמעס לשון.

קאַרניוואַל

דאָרט ביים קלובן־קאַרניוואַל,
יינגלעך, מיידלעך איבעראַל.
צווישן פֿרייד און סטענגעס רויט
טרעף איך דיך מיין שיינע מויד.

ס'וועט מיין גאַנצער קלוב דאָרט זיין
מיט געזאַנג און שפּילעריי,
און אין וואַלס און פּאָלקאַ־קרייזן
וועל איך דיך פֿאַר יאָטן ווייזן.

כ'וועל פֿאַרשרייבן דיך אין כאָר
וועלן מירביידע זיין אַ פּאָר,
וועל איך ביר פֿאַר יאָטן שטעלן
וועט דער קלוב פֿון אונדז אָנקוועלן.

דער גייער

עס איז נאַכט אין דרויסן,
מען זעט נישט קיין שטערן,
אַ פּראַסטיקער בלאָזט דער פעטער־שנייער.
די שטוביקע פענצטערלעך גוססן,
דורך לאָדנס די קינדער זיי הערן
אין פעלד דאָרטן שפּאַנט אום אַ גייער.

די מאַמע זי קלאָגט:
דאָס ברענגט מען מסתמא
פון שלאַכטפעלד די פינצטערע בשורות.
דער זיידע ער זאָגט:
דאָס בלאָנקעט אַרום אַ נשמה
פאַרלוירן אין זינדיקע צרות.

די באָבע זאָגט אָן:
דאָס זיינען געווים די „ניטגיטע״,
זי וואַרפט אָן אויף קינדער אָן אימה.
דער טאַטע שרייט אָן:
גייט שלאָפן! דאָס מוז זיין מיקיטע,
וואָס זוכט אום אין שניי זיין בהמה!

1960

די שטריקערין

אויף דער פּריזבע זיצט אַ מיידל
שטריקט מיט פינגער פאָדעם־זייד
און דאָס טרויעריקע לידל
הערט זיך אין דער בלויער ווייט:

„כ׳ניי דאָס העמד פאַר מיין באַשערטן,
זיי־זשע זיידנס תכילת־ריין,
כ׳שטריק די זוימען פאַר מיין באַגערטן,
זיי־זשע פאָדעם גאָלדן שיין.

„נאָר אויב באַשערט ביסט אַלטן מאַן,
ווער־זשע פאָדעם — לייוונט האַרטער,
און דו, בליטשקע, שטריק זיך איין
מיט קניפּלעך — בודיקלעך פאַרדאַרטע״.

פאַרמעסט

הערט, ווי עס רופן זיך דורך די בערג,
דער טאָל און דער וואַלד און דער סטעפּ,
ס׳איז ביים דאָן איצט אַ רייטער־פאַרמעסט,
הערט מען דונער פון פערדישע קלעפּ.

אַ צעשויבערטער בלאָנדער קאָזאַק
ליגט מיט באַק אויף דער גריווע פון פערד
און וואַרעמט מיט אָטעם אין אויער:
יאָג, הירש מיינער, יאָג איבער ערד!

אַ בראָנזענער, כמורנער גרוזין
בייגט־אָן קאָפּ, ווי צום טויכן,
און צערטלט אָגערל מיט קני:
פלי אָדלער אַוועק אין די הויכן!

אַ קליינינקער טאָטער מיט בערדל,
מיט מאַנדלען אין גלי פון די אויגן,
ציט, סטרונעט די צוים פון זיין פערדל,
ווי געשאָסן וואָלט ער פון אַ בויגן.

אַהאָ, דער קאָזאַק דעריאָגט דעם גרוזין
און געזיגט און געוואונען אָט האָט ער,
נאָר ווי אונטער דער ערד קומט אַרויס
דאָס פערדל מיט בערדל פון טאָטער!

כאָ־כאַ! עס רופן זיך דורך די בערג,
דער טאָל און דער סטעפּ זיך צעלאַכן.
מען טרינקט און מען קושט דאָרטן טאָטער,
מ׳ווינטשט זיך אויף טויזנטער שפּראַכן.

בענקשאַפט נאָך האַנגיאַנג

(פון קאָרעיִער פאָלקס־ליריק)

אָ, ווילדע גאַנדז...

אָ, ווילדע גאַנדז, וואָס פליט און קלאַגט,
ציענדיק פון צפון־לאַנד קיין דרום,
פאָכנדיק דורך טוי און דורך לבנה־שיין.
ביסט זיכער דורך פאַרביי האַנגיאַנג,
פאַרוואָס־זשע ברענגסטו ניט קיין גרוס
פון מיין אַלטער היים?

באַמבו...

ביסט נישט קיין בוים,
ביסט נישט קיין גראָז,
און גאָרנישט איז אַזוי שלאַנק ווי דו.
פאַרוואָס ביסטו אינעווייניק אַזוי ריין?
באַמבו, פאַר דעם האָב איך דיך אַזוי ליב —
ביסט אַלע פיר סעזאָנען אייביק גרין.

אַ בלימל...

אָ, בלימל, צו-שטאָלץ איז דיין קאָליר,
פאַרוועך נישט דעם פלאַטערל!
דאָס ליכט פון פרילינג איז אָן געפיל.
קענסטו נישט באַגרייפן, אַז ווען צאַרטע קנאָספּן
בלימען-אויס און ווערן האַרטע צווייגן,
פאַרלירן אויך פלאַטערלינגען זייער פאַרלאַנג.

שנייד-אַרוים מיין האַרץ...

שנייד-אַרוים מיין האַרץ אינגאַנצן,
מאַך פון איר אַ לבנה.
ניין מאָל צענטוויזנט הויכע הימלען
קען מען אָנהענגען אויף איר,
זי וועט באַלויכטן די פיר ווענט
פון מיין שיינער ליבע.

מיין ליבע איז לאַנג...

מיין ליבע איז לאַנג...
מיין ליבע איז לאַנג,
מיין ליבע איז ענדלאָז ווי דער טייך,
אַזוי פיל ווי צענטויזנט הימלען.
איך ליב מיין געליבטן נאָך לענגער,
אַזאַ ליבע האָט נאָך קיינער ניט געזען.

סטרונע די קאַמונקע, בחור...

כריזאַנטעמעס וואַקסן ביי מיין פענצטער,
נעבן זיי דער געשטעלטער וויין ווערט אַלט.
די בלומען עפענען זיך, דער וויין ווערט רייף,
עס קומען פריינט און אַ לבנה אויך.
סטרונע די קאַמונקע, בחור.

ווען יעדער טרער . . .

ווען יעדער טרער וואָלט געווען אַ פּערל־טראָפּן,
וואָלט איך איינגעוויקלט יעדן פּאָר אַן אָנדענק,
אַז מיין אַהיימקערנדיקער געליבטער אין קומענדיקע יאָרן
זאָל געפינען אַ צירונג־וואַנט אויף וואָס צו זיצן.
עס זיינען אָבער נישטאָ קיין פאַרשטיינערטע טרערן.
זיי טראָפּן־אָפּ און אַנטרינען, ווי . . .

פּערעשקע־קנאָספּן . . .

צוליב וואָס באַשפּרינקלען זיך פּערעשקע־קנאָספּן
מיט קאָסמעטישן דופט פון דער רויז?
דער מזרח־ווינט בלאָזט דעם צאַרטן רעגן,
ביז ער ווערט שיכור מיט טרערן.
פרילינג־צייט גייט באַלד לייכט אַוועק —
און איך באַדויער אַזעלכע בלומען.

די ליבע . . .

די ליבע זאַמלט זיך אין אַ פלאַם
און צינדט אָן מיין ברוסט מיט פייער.
מיין האַרץ פאַרפוילט, ווערט נאַסער
און רינט פון ביידע מיינע אויגן.
דורך פייער און דורך וואַסער
ווערט מיין גוף באַזיגט.
ער קען נישט שטאַרבן
און ער קען נישט לעבן.

זאָג וואָס דו ווילסט . . .

זאָג וואָס דו ווילסט,
דאָס צווייגן־שטיבל האָט מעלות,
קילע ווינטן שפּילן אין כאַפּערלעך, אין־און־אויס,
העלע לבנות שפּילן זיך אין באַהעלטערניש.
אינעווייניק איז נישטאָ קיין צרות.
מיין קערפּער שלאָפט־איין און הויכט . . .

פון ווייטן-מזרח

פילגער
(כינעזיש)

מיין האַרץ, ווי דאָס וואַסער,
פאַרגייט און עס ציט,
נאָר גוף ליגט געקאָוועט
אַזוי ווי די בריק.

אַט קומט אָן אַ שאָטן
פון בריק איבער פלוס,
אַ וואַנדרער שלייכט
אַריבער צופוס.

„אַ, פילגער, וואוהין שפּאַנסטו,
וואוהין פירט דיין וועג?"
נאָר ער ווייזט צו די וואָלקנס
און מיט זיי ציט אַוועק.

ביי דער יאַנגטצי

איך האָב אָנגעטאָן אַ סטענגע
אויף מיין ביקס,
אַ העלע רויז אין שויבער
פון מיין ליבסטער,
און פיר מיין אַלטע מאַמע
ביי דער האַנט,
און האַרץ מיינס פלאַטערט
ווי די פאָן.

עס וועלן קומען קריגער
פון נאָענט און פון ווייט,
און ברענגען זיגערישע פאָנען
צו אונדזער ליבן טייך.
און הערן וועלן מיר דעם גרוס
פון צייטנדיקן רייז
און פאַרנעמען דאָס שלום-וואָרט
פון שטאָט און דאָרף.

אַ חתונה

עס קלאָגט די פידל, ס'וויינט די פליים
און די כלה האָט צעפלאָסן שויבער,
זי טאַנצט פון חברטעס באַגלייט —
צופוסנס גערטנער-בערג אין צויבער.

איר בליק העלט-אויף פון פייער-גלאַנץ,
וואָס קומט פון בחור דאָרט ביים פלויט:
— צי ברענט דיך בחור שטאַלטנער טאַנץ,
צי גאַרסטו נאָך דער כלה-מויד?

— ניט דער טאַנץ און דער קערפּער-בויג
פון דיינע הנעוודיקע שוועסטער,
בלויז דיין געזיכט צינדט אָן מיין אויג
און מאַכט מיין וויטיק גרעסער.



דער פאַסטוך פון פוסאַן

(אין פאָלקס-טאָן)

אין די הויכע פעלדזן פון צפון-קאָרייע,
ביי די ברעגן פון דעם טייך האַן,
שטייט מיט זיין טשערעדע פון שעפּסן
דער אַלטער פּאַסטוך-פליכטלינג פון פוסאַן.

זיינע ביידע הענט אויף גוז פון שטעקן,
זיין זילבער-באָרד הענגט איבער זיי
און פון רונצלדיקן שטערן גרויען ברעמען
איבער אויגן — גליענדיקע צוויי.

אַ דראַבנעם עכאָ איבער שטילן וואַסער
פייקלען-אויס צוויי שטאָלטנע גייער,
און ביים אַלטן פּאַסטוך בלייבן שטיין
אַ פּאַטרול פון פאָלקס-אַרמייער.

„אַ גוטן אָוונט, חבר פּאַסטוך,
וואָס דערזעסטו דאָרט אין ווייט?
טוסטו באַגלייטן זון קיין מערב,
צי דו חשבונסט אוים די צייט?"

דער אַלטער פלאַטערט-אויף דערשראָקן,
ווי געוועקט פון טיפן שלאָף,
טוט אַ שמייכל צו די בראַווע יאַטן,
טוט אַ מורמל צו די פּאַיענדיקע שאָף:

„נו, אַרויסט פון וואַסער, קינדער,
אייער דורשט איז היינט זייער גרויס.
יאָ, כ'טו אַרויסבאַגלייטן זון
קיין פוסאַן און אייגן הויז.

„כ׳האָב אַ זעכציק לאַנגע יאָר
דאָרט געפּאַשעט שאָף און רינדער
און אויף בערג און טיפע טאָלן
אויסגעכאָוועט מיינע צוועלף קינדער.

„איך האָב פון זאַמדיק ערד געצויגן
רייז ווי זילבער, ווייץ ווי גאָלד
און פון בלומען-בייט מיט בינען
האָניק-זאַפט וואָס צונג האָט האָלד.

„נאָר דער שונא האָט מיט שווערד פאַרוויסט
גרינע פעלדער און די שטעט ביים ים,
אויסגעשאָכטן מיינע קליינע שעפסן
און פאַרשניטן און צעטריבן פרייען שטאַם״.

און די שיינע אויגן פון דעם זקן
גיסן אָן זיך ווי מיט טוי,
און די גרויסע ברעמען פאַלן גרויער
אין דעם שקיעהנדיקן אָוונט-בלוי.

שטייען צויבערהאַפט און גאַפן
די פאָלקס-גוואַרדייערביידע,
ביז עס נעמט איינער אים אַרום,
צערטלט שטיל: „טייערער זיידע,

„מיר וועלן נאָך דיין ליבע היים,
די בערג און טאָלן דיר באַפרייען,
און דיינע לאַנקעס פריש און גריז
וועלן זיך מיט טשערעדעס באַנייען.

„און דיינע וואָגלענדיקע בנים
וועלן קומען דאָרט אַהיים צוריק
און פון יאַלו ביזן בריטן ים
זינגען וואָס דאָס פאָלק פון גליק״.

* * *

עס איז דער בלויער אָוונט צוגעפאַלן,
בראָווע יאַטן ווייטערן זייער שפּאַן,
און דער אַלטער טרייבט אַהיים די שעפסן,
ברומענדיק אַ ניגון פון פוסאַן.

9.

וואַלדהיים

כ׳וועל קומען צוריק

כ׳וועל קומען צוריק צו מיין וואַלדהיים-געצעלט,
אין שאָטן פון בוים, ביים פלוס פון דעם טייך,
און דרעמלען אַ מילדער, אָן טומל פון וועלט,
און פילן איך בין אין מיין אָרעמצעל — רייך.

כ׳וועל איינזאַמלען גאָלד פון געפאַלענע בלעטער,
און זילבער-באַגערן פון פאַרגאַנגענע טעג,
און הימלען וואָס ווערן אַלץ לויטער און העכער
און ציען אין ווייטן, אין ספּערישן וועג.

כ׳וועל לייגן מיין קאָפּ אין גראָז-בייט דעם ווייכן
און גרונטעווען הויכקייט מיט בענקשאַפט פון בליק,
אפשר וועל איך מיין הלום, אַנטרונענעם גרייכן
און אויסוועבן טרוימען פון פרידן און גליק.

באַגער

אויף יענער זייט בלוי־האָריזאָנט,
וואוהין דער וועג גייט פאַרלוירן,
אַ לאַנדשאַפט גריסט דיך אומבאַקאַנט,
אַ נייע פריינטשאַפט ווערט געבוירן.

דו גאַרסט נאָך קלאָרע, הויכע הימלען,
נאָך טיפן טייכס פאַרקלערטן ריין,
וואו סאָסנעס שאַטנדיקע דרימלען
ביי שטיבער איינגעהילט אין גרין.

עס ציט דיך צו אַ ליכט אין שויבן,
צום טיש דעם ציכטיקן געגרייט,
וואו אַ געזיכט מיט שטראַלנדיקע אויגן
דערפרישט דאָס האַרץ מיט ליבע רייד.

דאָס האַרץ איז היינט אָפן

דאָס האַרץ איז היינט אָפן,
קום אַריין, שפּאַר זיך צו.
איך האָב בענקשאַפט און פרייד,
איך האָב שטורעם און רו.

איך שאַף שטילן געזאַנג
פון דעם ווינט־ברוך אויף ים.
כ׳זוך דעם פונק אויס אין אַש
און צעבלאָז אים אין פלאַם.

כ׳צי פון אור־נעכט, די שטערן,
כ׳פיש די פערל טיף,
כ׳שיק אַנטקעגן דעם מאָרגן
מיין צעפלאַטערטע שיף.

אַהיימקער

ווערבעס נייגן, זון גייט-אונטער,
טייך און לאָנקע ציטערדיק און גרין,
פֿאַרעך-וועג אַנטלויפֿט אַרונטער,
און דעם מענטשן ציט אַהין — .

וואו אַ גליק אין אַ הויז אַ ווייסער
צינדט דעם אויוון, ליכטיק, רויט,
גרייט אַ קווערטל אויפֿגעזאָטן וואַסער
און אַ לאַבן פֿריש-געבאַקן ברויט.

און די לערכע פֿליט נאָך העכער,
זוכט דעם סוד פֿון זון-פֿאַרגיין,
און די בלומען מאַכן-צו די בעכער,
און די בינען טראָגן זאַפֿט אַהיים.

בשמים-אָטעם, טרוים-געמיט,
סטרונע-שפּיל פֿון רייפֿע זאַנגען.
ס'איז אַ ניגון פֿון ווערנדיקן ליד,
ס'איז די פֿרייד פֿון מאַי-געזאַנגען.

צוויי הירשן

צוויי הירשן — דער ער איז אַ בלאַסער
און די זי איז זוניק ווי גאָלד.
זיי טרעפֿן זיך ביידע ביים וואַסער
און האָבן זיך, פֿויענדיק, האָלד.

ער לענט-אָן אויף אירן זיין נאַקן
און גלעט איר די גריווע ווי סאַמעט.
זי קושט די באַבערדלטע באַקן,
אירע הערנער אין זיינע געקלאַמערט.

אַ יעגער לאָזט הערן זיין קומען.
דער ער שפּרינגט אומיסטן מיט טומל,
ביז זי וועט צום אינדזל דערשוואומען
און וואַרטן, ער זאָל קומען בשלום.

שלום־ליד

אין שוואַרצערד פון צעאַקערט פעלד
עס גאָלדיקט שטויב אין זאַנג באַקערט.
אין טראָפּנס־טוי פון בלימל־געלב
עס טונקט זיך שטראַל און זיסקייט ווערט.

אין הימל־בלוי, דורך וואָלקנס־ווייס
אַ לערכע שוועבט און זינגט אַ לויב.
אַ זויגלינג־קינד אין מוטערס שויס
וואַרקעט זאַט ווי אַ טערקל־טויב.

1961

שטורעם־צייט

ווייס־געל צעבלימלט
ליגט לאַנקע צעבראַסטעט
קעגן הימל וואָס כמורעט
און זאָגט אָן אַ שטורעם.
דאָס שעפּסעלע דרימלט
אויף ברוסט פון דעם פּאַסטוך,
דאָס נעזל פאַרנורעט
אין וואַרעמען אָרעם.

עס האָט ווינט זיך צעוויייעט
און שלאָגט שוין אין קאַרק,
נאָר פּאַסטוך פאַרוויגט
מיט זיין פאָטערלעך קול.
די טשערעדע גייט
אַרונטער פון באַרג
און באַרואינדיק קלינגט
מיט גלעקל אין טאָל.

מענטש

אין מדבר, סטעפּ, אין דזשאָנגל, וואַלד,
וואו נאָר עס פּלאַטערט אַ געצעלט,
דאָרט בלאָנקט אַ גאָט אין מענטש־געשטאַלט
און היט זיין אויסגעטרוימטע וועלט.

אים שרעקט נישט שׂרפה, שטורעם־צייט,
נישט חיה, עוף, נישט שרץ, רינד,
נאָר אויגן נישטערן געהיימע ווייט —
דעם אָנפאַל פון אַ מענטשן־קינד.

און די לבנה זעט און טרויערט,
און די זון זי קען נישט בענטשן
דעם גאָט וואָס שטייט מיט שאַרף און לויערט,
און שעכטן וויל אַ צווייטן מענטשן.

נאָר ווען אַ יתום וועט ער ווערן אויף דער ערד
און אין האַרצן הערן קינדס געוויין,
פאַרהאַלטן וועט ער מערדערישע שווערד
און דערזען אין יענעם — זיך אַליין.

דער שלאָף

דער שלאָף ער קומט ווי אַ דערלייזער
פאַר די וואָס זיינען מיד,
ער ווערט קאָשמאַר און חלום בייזער
פאַר די פון אומרו ניט באַהיט.

געזונטע לעבן ווידער איבער
די פרייד וואָס שוין געווען,
און שפּרייזן לייכט אַריבער
די שוועל פון גינענדיק געשען.

געשטראָפטע אָפט פאַרלירן
דעם נעכטן און דעם מאָרגן.
און שקיעהדיק פאַרווירן
אין אַנגסטנדיקע זאָרגן.

טאָג

עס גאָלדיקט העלע זון
אויף ווייץ און קאָרן,
און בלימלט בלויע פרייד
אויף קוסט און דאָרן,
און פּערלט טראָפּנס שוויים
אויף ברוסט און שטערן.

קלינגען קאָסעס שטאָליק
איבער זאַנגען פעלדער,
שאַרפע העק דאָרט עכאָן
איבער גרינע וועלדער —
ליד פון אַרבעט טראָגט זיך,
בערג און טאָלן הערן.

נאַכט

אַ שאָטן שיפט אויף וואַסער,
אַ גייענדיקער דרימל.
אַ קופּער־שניט, אַ בלאַסער,
באַזילבערט בלויען הימל.

די שטערנדלעך צאַנקען,
די פענצטערלעך ווינקען,
טאַפּאָלן צוויי שלאַנקען,
זיי נידערן און טרינקען.

מיין שיפל שלעפערט־איין
פאַראַנקערט אין אַ קוסט,
מיין ליבסטערס אָטעם — וויין,
דערוואַרעמט מיר מיין ברוסט.

אין גאָרטן

אין דעם גרינעם גאָרטן
זילבער שטראָמען וואַשן.
בלאָנדע מיידל דאָרטן
ווײַנשעלעך וויל נאַשן.

רייסט זי פולע זשמעניעס,
איינגעמאַכטס אויף ליפּן.
טוט אַ כאַפּ דער גערטנער,
הויבט זי אָן צו כליפּען.

ווישט ער אוים די טרערן,
קוש איר אוים די ליפּן,
און אינצווייען ווײַנשל
מיט די מיילער ציפּן.

פרימאָרגן

דער מאָרגן־שטערן לעשט זיך
אין יעדן טראָפּן טוי,
און פייגל סווישטשען אום
צווישן גרין און בלוי.

די זון באַזוימט דעם הימל,
רונצלט אויף דעם טייך,
און זילבערט אויף די נעצן,
דערפריידט די פישערלייט.

דער פאַסטוך אויף דער לאַנקע
צעפלייטלט זיך מיט גלי,
די ערד און שניטער וואַכן
צום טאָג פון שווערער מי.

אינדיאַנער זומער

ס'איז בלווילעך דער הימל ווי קלאָרער סאַפיר
און ס'קרייזלען זיך וואָלקנדלעך שאָף,
אָנגעצונדן דער וואַלד — מיט גינגאָלד-קאָליר,
די דעמבעס זיי גליען אין שלאָף.

בלימעלעך דרימלען אויף מעש-געלע קישנס,
דאָס טייכל קרישטאָליקט — אַ פליסיקע שאַרף,
לערכעס פלאַטערן וואָלקנדלעך צווישן
און קלינגען ווי ציטער פון סטרוניקער האַרף.

די אָזערע זילבערט מיט זעגעלעך וועלן,
וואָס פלאַטערן-אויף און פליען מיט ווינט.
צוויי קערפּערס אין וואַסער בראָנזענע קוועלן —
ער שפריצט און צעפּאַטלט איר בלאָנדענעם בינד.

מ אַ ר ג אַ ר י ט ק ע

איך בין אַרוים אויף גרינער לאָנקע
נאָכיאָגן פלי פון געקווייטלטן פליטער,
נאָר אַ בלימלס אַ שמייכל מיט זוניקן אייגל
האָט געגעבן אין האַרצן אַ ציטער.

כ'האָב גענידערט צום שטערן אין גראָזיקן הימל,
צום זילבערן טעצל מיט גאָלדענעם האַרץ,
כ'האָב געציטערט אָנרירן די פינגערלעך פּערל,
מיין אָטעם דעם בלימל וואָלט זיכער געאַרט.

כ'בין געלעגן אין גראָז ביז פאַרנאַכטיקן טוי,
ביז געלאָשן די זון האָט איר ליכט,
ביז פאַרמאַכט האָט דאָס בלימל אייגל פון טאָג
און מיט בלעטלעך פאַרשטעלט איר געזיכט.

יענע נאַכט ביי מיין אָפענעם פענצטער
געבלאַסט האָבן שטערן אין הימל.
כ'האָב אין וויטן אַ שמייכל געזוכט,
כ'האָב געבענקט נאָכן פּערלדיק בלימל.



מענדל גראַמאָפאָן, מישאַ באַריטאָן

אַז „וואַלדהיים" קען ניט שלאָפן,
ערגעץ שפּילט מען דאָרט בעטהאָווען,
דאָס איז מענדל,
מיטן גרינעם העמדל,
מיטן גראַמאָפאָן.

און אַז געזאַנג גייט־אויף אין פלאַמען,
איבער וועלדער, איבער ימען,
דאָס איז מישאַ־מייקל
מיטן פאַראַפייקל,
מיט זיין באַריטאָן.

אַז בעליאַרסקי זינגט אַ לידל,
און חפץ שפּילט דעם פידל,
דאָס איז מענדל,
מיטן גרינעם העמדל,
מיטן גראַמאָפאָן.

און אַז מען צימבלט דאָרט אַ האָרע,
און מען העפּעט, קיין עין־הרע,
דאָס איז מישאַ־מייקל,
מיט זיין פאַראַפייקל,
מיט זיין באַריטאָן.

און אַז „וואַלדהיים" גיט באַנקעט,
מען זינגט, מען טומלט און מען רעדט,
מענדל גראַמאָפאָן
און מישאַ באַריטאָן
זיינען שטענדיק אויבן־אָן.

פרילינג

אַרוים איז פרייד פון הויז
מיט קודלע פריי און בלויז,
מיט גלוסטונג אין געלענד
און פליגלען אין די הענט.

אַרייַן איז זי אין וואַלד
אַ פלאַטערדיק געשטאַלט,
און עכאָ האָט אין טאָל
צעטראָגן וואונדער־קול.

שעפּסן רוען

שעפּסן רוען אין דער בלויער הויך,
קאָרע, צימרינג, מיאָטקע־גרויך
ווערט ווי אָטעם גרינג צעבלאָזן.
מאַרגאַריטקעס פּערלען זילבער,
דעפּאָדילן צינדן גאָלד
אין די גרינע גראָזן.

כ'לייג דעם קאָפּ אין גרין אַנידער,
קוק אין הימל אײַן זיך ווידער,
צייל די דרעמלענדיקע שעפּסן.
אפשר וועט דער פּאַסטוך קומען,
וועט פון טאָרבע דודע נעמען
און צעפלייטלען ליד מיט לעפצן.

אָוונט־ליד

דער שפּערלינג זינגט
זיין אָוונט־ליד
אין גרינער קרוין
פון ליפּע־בוים.
דער וואַסער־קוואַל
זיין ניגון ציט
מיט בלעזלדיקן
ווירבל־שוים.

דער קריקעט זעגט
זיין גראָז־געזאַנג
ביי געלע זוימען
פון דעם וואַסער.
די לבנה שווימט
איר זילבער־גאַנג
און ווערט אין פלום
נאָך בלאַסער.

מײַן רעגנבויגן

איך האָב אַ רעגנבויגן
אַרומגעבונדן מיינע אַקסלען —
די האָפענונג אין מיינע אויגן,
די טרוים אין מיינע ווייסלען.

און ווען דער דרויסן ווערט פאַרצויגן
און עס שטורעמען די שלאַקסן,

איך נעם דעם בויגן פון די אויגן
און טו אים אָן אויף אַקסלען.

און וועט די נאַכט פאַרציען אויגן
און ווילקלען וועט מען מיך אין ווייסן
עס וועט צוקאָפּנס מיר דער בויגן
אַליין זיך בינדן אַרום אַקסלען.

1942

דער נאַכט־וואָרבלער

אַ וואָרבלער האָט זיך צעוויינט אינמיטן נאַכט,
ערגעץ ביי די זוימען פון דעם וואַסער,
אין דעם גרינעם פלאָנטער פון דעם וואַלד;
און עס האָט זיך מיינע אויגן אויסגעדאַכט,
אַז אויך די לבנה איז געוואָרן בלאַסער
און זעט ווי איך — אַקוואַטישע געשטאַלט.

זי שטייט ביז קני אין פלוס דעם שטילן,
ווי אַ זילבער־סאָסנע אויסגעצויגן
מיט העלן שויבער און געזיכט וואָס לאַכט.
און ס'קען געדאַנק מיט גאָרניט שטילן
די צוויי פאַרגאַפטע טרוימער־אויגן,
וואָס זינגען ווי דער וואַרבלער אין דער נאַכט.

1940

באַנען

כ'האָב ליב ביטער־פייכטן גערוך
פון דעם אַשיק־שוואַרצן רויך,
וואָס שוועבט און ציט אַוועק
פון די שלענגלענדיקע באַנען.

כ'האָב ליב דעם וויינענדיקן רוף,
וואָס וועקט מיך אין מיין שלאָף
און טוט אַ נאָג דאָס האַרץ
אַוועקצוואַוואַנדערן פון דאַנען...

ווי די טראָפנס טוי

ביי מיין זומערדיק געצעלט
האָב איך פאַרפלאַנצט אַ רויז,
וואָס פלאַטערט צווישן גרין
אַקעגן שוועבנדיקן בלוי,
און אין די קילע שאָטנס
פון איר מאַמעס־שוים
לויכטן שטילע לידער
ווי די טראָפנס טוי.

און מעג אַצינד זיין האַרבסט
און באַלד פאַלט שיכט אויף שיכט,
און פון דער העלער פרייד
געבליבן איז אַ זכר בלויז —

1960

עס שוועבט נאָך אום דער ניגון
פון דעם ליב געזיכט
אין דעם האַרבסטיק הויכן הימל
פול מיט שטערן טראָפנס גרויס.

און ווידער וועט אַ פרילינג קומען
מיט אַ הימל ניי און בלוי,
און פון אויפגעפריידטער ערד
רויזן וועט אַ שטאַלטנע קלייד,
און ביי מיין שאָטנדיק געצעלט
וועל איך ווידער שפינען רו,
און ווי די טראָפנס טוי
וועלן קוועלן זינגענדיקע רייד.

10.

קינד און קוויט

דאָרט געשעען שטענדיק ניסים

דאָרט געשעען שטענדיק ניסים
וואו נאָר קינדער פרייד געניסן,
דאָרטן זינגען בין און גריל
וואו די יונגוואַרג פירט־אָן שפּיל.

דאָרט ווערט יעדער זון־קאַיאָר
אַ נייער וואונדער אויף דער וואָר,
דאָרט ווערט יעדער זונפאַרגאַנג
אַ צויבער־דרימל אויף ניטלאַנג.

דאָרט דער מאָרגן איז מחיה
פלאַנץ און פויגל, מענטש און חיה,
דאָרטן שפּינט די צייט איר חלום
פון בלויז פריינטשאַפט און פון שלום.

דאָרט איז בעסער יעדן דיכטער,
ליבערשט ווי אין אַלטע ביכער,
דאָרטן שוועבט זיין טרוים־געמיט
און עס צוויטעט העל זיין ליד.

קינד און קווייט

ווען קליינוואַרג שפּילט ביי טויערן
און דרויסן קלינגט מיט פרייד,
עפענען די בלומען אויערן
און פאַרנעמען קינדערישע רייד.

צווישן לויטערע מיט טויען
פאַרשטייען יוגנטלעכן מיין,
שפּיגלען אייגעלעך וואָס בלויען,
לעשן טרערנדלעך־געוויין.

די פרילינג־לופט זי שפּילט
אַ טאַנץ אין זאַנגען ווייץ
און קינד און קווייט געהילט
צייטיקן מיט חנעוודיקן רייץ.

פליטערט, פלאַטערט

פליטערט, פלאַטערט פליטערלעך
איבער צעצוויטעטע בלעטער,
זיפּט פון די קווייטענע קריגעלעך
זיס־שמעקעדיקן נעקטער.

שוועבט איבער לאַנקעס אין גרין,
געטראָגן פון ווינטעלעס ריר,
צוקער־זאַפט קלאָר ווי בורשטין
ברענגט צו דער היימישער טיר.

ווען קינדערלעך קומען צולויפן,
ווי די ציגעלעך שפּרינגען און בעקן,
און פון פליסיקן בינענשטאָק הויפן
דעם האָניק מיט פינגערלעך לעקן.



פון ערד און פון וואַסער און זון

דעבעלע זעט ווי עס שפּראָצן די גראָזן,
אָנגעגאָסענע קנאָספּן צעעפענען בליטן,
ווי פליטער פון זאָמען מיט ווינטל זיך לאָזן
און געפינען אַ באָדן צום צוויטן.

איז וואָס־זשע מאַכט וואַקסן די זאָמען,
און גיט זיי קאָליר און דעם דופט?
ווער גיט די רויזן און עפּל די פלאַמען,
ווער שיקט אַראָמאַט אין דער לופט?

און דעבעלע פאָרשט און וויל וויסן
פון וואָס ווערט דאָס וואַקסן געטאָן.
און געפינט — ס׳קומען בלומען און גרינסן
פון ערד און פון וואַסער און זון.



דער ברוינער הונט און די רויטע קאַץ

דער ברוינער הונט איז אַ שטיק גאָלד,
די רויטע קאַץ האָט גרינע אויגן,
זיי האָבן ביידע שטאַרק זיך האָלד,
ווייל די מאַמע האָט זיי אויפגעצויגן.

זי האָט געניאַנטשעט שטענדיק ביידע,
געגעבן מילך פון זעלבער שאָל,
געלאָזט זיי שלאָפן לעבן זיידן,
און גוט באַשיצט זיי אַלעמאָל.

און ווען די רויטע וויל מען עוולה׳ן,
דער הונט ער האַווקעט ווי אַ ברודער,
און זי איז גרייט איעדן גראַבלען,
אויב ס׳ווערט אַרום אים אַ גערודער.



דאָס ווייסע קעצל

די רויטע קאַץ זי וואַשט דאָס קעצל,
איז עס טאַקע שטענדיק ווייס ווי שניי,
און עס שפילט זיך מיט דער באָבען,
ציט איר פאָדעם ביים געניי.

דער ברוינער הונט איז צען מאָל גרעסער
פון דעם קליינעם ווייסן שד,
נאָר ער לאָזט עס אויף זיך שפרינגען,
ליגט אויסגעצויגן ווי אַ ברעט.

די באָבע זאָגט ער לאָזט זיך טרעטן,
ער האָט עס ליב מסתמא,
ווייל דאָס קליינע ווייבערל,
דערמאָנט אים אין איר מאַמען.

הינדעלעך און פייגעלעך

ווען דער באָבעס אויסגעפלאַכטן קערבל
האָט געקראָגן גרויסע לעכער
האָט מען עס ווי אַ צעבראָכן שערבל
אַרויסגעוואָרפן איבער דעכער.

האָט דאָס די קוואָקעדיקע הון גענומען
און געזעצט זיך אייער לייגן,
זיינען הינדעלעך אַרויסגעקומען,
הויט און ביינער וועלט אַנטקעגן.

האָבן פייגעלעך געלאַכט אויף צווייגן
פון די נאַקעטע און פון דער מאַמע־הון.
האָט דער ראָב זיי געהייסן שווייגן:
„וואַרט ביז אַרויסקומען וועט זון!"

האָט די פרילינג־זון געבאַקן
און געוואָקסן זיינען הינדעלעך ווי גראָז,
און צו פייגעלעך און טויבן־שלאַקן
אַרויסגעשטעקט די שנאָבל־נאָז.

פייקל, פייקל, פייקעלע

(קינדער־מאַרש)

גייען קינדער פון דער שטאָט
אַרויס אויף פרייען פעלד
און די לופט און דער אַרום
קלינגט מיט זיי און קוועלט:

פייקל, פייקל, פייקעלע,
איבערן ברייטן וועג,
פּעק אויף פּלייצעס, שפּאַן נאָך שפּאַן.
און מיט לידער און געזאַנג.

פייקל, פייקל, פייקעלע,
איבערן ברייטן וועג,
איבער לאָנקעס געל און בלוי
עס קלינגט־אָפּ אונדזער גאַנג.

פייקל, פייקל, פייקעלע,
איבערן ברייטן וועג,
איבער בערג און איבער טאָל
שוועבן מיר ווי פייגל גלייך.

פייקל, פייקל, פייקעלע,
איבערן ברייטן וועג,
שווימען מיר ווי פיש און גענדז
און פּליושקען זיך אין טייך.

דאָס קעצעלע ליבט דאָס פלעשעלע מילך

אַ קליין קעצעלע האָט מען געפונען אין גאַס,
וואָס זוכט אום אַ היים און אַ מאַמען,
אירע אייגעלעך זיינען נאָך קלעפּיק און נאַס,
אירע הערעלעך קויטיק, דאָס נעזל אין שראַמען.

האָט דאָס דער מאַמען ביים האַרצן פאַרקלעמט
און עס גענומען אין וואַרעמע פינגער,
עס געצוואָגן און צערטלעך פאַרקעמט
און דעם הונגער געשטילט, געמאַכט גרינגער.

נאָר ס'קען ניט דאָס קעצל פון טעלערל כאַפּן,
עס ווייסט נישט פון לעפל און גאָפל.
עס זייגט נאָך דעם טראָפּן נאָך טראָפּן
פון אַ פלעשעלע מילך מיט אַ נאָפּל.

דאָס קעצעלע ליבט דאָס פלעשעלע מילך
און דער מאַמעס צוויי ליבלעכע הענט.
עס נורעט זיך איין אין וואַרעמער קיך
און זשמורעט ביים פייער וואָס ברענט.

פ ר י י נ ט

דאָס הינטל און קעצל
און שמערל אינמיטן —
זיי גייען שפּאַצירן
צווישן בלומען און צוויטן.

אַ בער שפּרייזט-אַרויס
און וויל זיי דערשרעקן.
שמערל נעמט וויינען
און דאָס קעצל צו מיעקען.

בלויז הינטל ווערט בייז
און הויבט-אָן צו בילן.
אַ יעגער לויפט-אָן
און מיט ביקס נעמט ער צילן.

דער בער פאַלט-אַוועק
און קריכט אויף די פיר.
און דער יעגער ברענגט פריינט
אַהיים צו דער טיר.

דאָס פאַרפּלאָנטערטע הינטל

עס האָט דאָס הינטל זיך פאַרפּלאָנטערט
אין אַ באַוול־קנויל,
אַ שלייף פאַרקראַמפט אים אויערן,
אַ שנור דעם עק און מויל.

און עס בייזערט זיך דאָס קלייניקנע
און דרייט זיך הין־און־הער,
און וואָס מער עס דוועגעט זיך
אַלץ פאַרפּלאָנטערט עס זיך מער.

ביז עס רייסט זיך שנעל אַרויס
פון שנירלדיקן פּלאָנטער
און אַנטלויפט סקאַוואַוטשענדיק,
פאַרקריכט דעם בעט אַרונטער.

און עס שטעקט אַרויס דאָס נעזל,
דעם שונא שרעקלעכן באַטראַכט,
און האַווקעט־אויס אַ וואָרנונג.
נאָר עס ליגט דער קנויל אָן מאַכט.

דער גאָנער

דער גאָנער האָט זיך ליב צו בייסן,
האַלט מען אים אין הויף פאַרצאַמט,
נאָר יאָסל האָט אים ליב צו רייצן
און ביז צום סאַמע צאַם ער שפּאַנט.

דער גאָנער שטעקט־אַרויס דעם האַלדז
און כאַפּט־אָן יאָסלען פאַר אַ הויז,
ער בייסט און צופּט און רייסט
און וואַלגערט אים אין גראָז אויס.

און יאָסל בלייבט אַן אָפּגעדעקטער,
און האַלט מיט הענט דעם בויך דעם בלויזן,
ער וויינט פון ווייטיק און פון שאַנד
און לויפט אַהיים אָן הויזן.

דער זוניקער זייגער

דער האָן וועקט גאַנצפרי
מיט זיינע קוקורעקו-שאַלן,
ער מוז האָבן אַ זייגער
וואָס אַרבעט אויף שטראַלן.

ווי נאָר דאָס מאָרגן-ליכט
קריכט-דורך אַ וואָלקן,
דער האָן ער איז אויף
און קרייעט פון באַלקן.

די טוער זיי וואַכן
און באַגריסן דעם האָן,
די פוילע זיי שלאָפן
און פאַרשפּעטיקן די זון.

ווער ס'האָט ניט קיין געלט
צו קויפן אַ זייגער,
דער זאָל האַלטן אַ האָן
ניט ווייט פון געלעגער.

צוויי בערעלעך

צוויי בערעלעך קלעטערן
הויך אויף אַ בוים,
און זעען ווי וואָלקנדלעך
שווימען אין רוים.

מיטאַמאָל: אוי וויי! —
און זיי מאַכן אַ גוואַלד.
אַ כאַליאַסטרע פון קינדער
קומט-אָן איצט צום וואַלד.

„וואָס ציטערט איר, בערעלעך?”,
פרעגט די טויב די געטרייע.
„דאָס קומען דאָך מענטשן
מיט שטאַל און מיט פייער”.

צעלאַכט זיך די טויב,
די צווייגן אַזש טרילן:
„דאָס זיינען בלויז קינדער,
וואָס קומען זיך שפּילן.

דאָס גענדזל

דער טאַטע האָט געקויפט אַ גענדזל,
גייט עס אום אין הויף פאַרריסן,
און דעם קליינעם ווייסן קעצל
האָט עס אויערן געביסן.

און דאָס קעצל בלאָזט אָן רוקן,
שפּייט אויף גענדזל אַמאָל אַכט,
נאָר אַז דאָס גענדזל לאָזט זיך פּיקן,
שפּרינגט דאָס קעצל אויפן דאַך.

קינדער

ווען קינדער יאָגן זיך נאָך קעצל
און וואַלגן וועלן עס דערטאַפּן,
עס הויבט אָן ציטערן מיטן מויל
און וויל די אויגן זיי אויסדראַפּן.

און דער ברוינער הונט ווערט בייז,
טוט אַ האַווקע אינדערהויך,
און די קינדער נעמען לויפן —
זיי ווייסן, ער קען בייסן אויך!

די מאַלפּע

אַרעלע האָט דערזען אַ מאַלפּע
אויף אַ שטאַנג זיך דראַפּען:
„איז דאָס אַ קליינטשיק מענטשעלע?”,
האָט ער געפרעגט ביים טאַטן.

„אָט גייט עס אום אויף בײדע פיס
און קראַצט זיך מיט די הענטלעך,
און אָט קריכט עס אום אויף אַלע פיר
און קלעטערט אויף די ווענטלעך?”

דער טאַטע לאַכט: „עס איז ניט קיין מענטש;
עס האָט אַ קליינעם שטערן.
ווייל עס וויל ניט גיין אין שול אַריין,
און וויל זיך גאָר ניט לערנען”.

ביינאַכט ער טראַכט פון מאַלפּעלע,
און עס שרעקט זיך קליינער אַרעלע.
די מאַמע טרייסט אים און זי זאָגט:
„וועסט נישט זיין קיין מאַלפּע, נאַרעלע!

דאָס לאָשיקל

ווייסינקער פלעק
אויף גאָלד-ברוינעם שטערן.
אויערן וואַך
צוקן און הערן.

אויגן און נאָזלעכער שפּירן
צי רירט זיך דאָרט עפּעס,
און פיס זיינען גרייט
זיך ספּאַלאָשן אויף סטעפּעס.

דער גרינער פראָש

פון טשערעט צום גרינעם באַרג
אַ ווייסע סטעזשקע קווענט
צו דער „וואַלדהיים" אויפן קאַרק
מיט הייזלעך,ביידלעך און געצעלט.

דורך די פענצטער הערט מען רייד,
פון דער לאַנקע קינד-ווירוואַר,
פון געצעלט עס קומט אַ פרייד —
אַ זינגער שפּילט אויף זיין גיטאַר.

גרינער פראָש ער עפנט מויל,
קוואַקעט-צו צום שיינעם ניגון:
„זומער-לעב איז טאַקע וואויל,
מענטשן האָבן פאַרגעניגן".

נאָר אַז ער טוט פון שטאָט אַ קלער,
טוט ער זיך אַ קראַץ אין בייכל:
„עס מוז פאַר קינדער זיין דאָרט שווער
ווינטער אָן אַ וואַלד און טייכל".

אונטער אַ פּיצעריצע

אונטער אַ פּיצעריצע,
אין טשערעט ביים טייכל,
זיצט דער פראָש רב איצי
און גלעט דאָס געלע בייכל.

ער רויכערט זיך אַ ליולקע
און באַטראַכט זיין וועלטל:
אָט שווימט אַ קליינע טולקע
און אַנטלויפט אין אַ שפּעלטל —

ווייל עס קומט אַ גרויסער קאַרפּ
מיט אַ מויל מיט ציינער,
און טוט ער וואָס אַ כאַפּ
צעקייעט ער ביז ביינער.

אָט קומט אַ פישערמאַן
מיט זיין קליינעם יינגל.
דער וואַרפט זיין נעץ אַריין,
און יענער פלאַפּלט מיטן צינגל.

דער פישערמאַן, ער בעט:
„ניט שטער די רו!"
דאָס יינגל, נאָר עס רעדט,
וואַרפט שטיינדלעך נאָך דערצו.

אָט צילעוועט ער גלייך
און טשערעט מיט פּיצעריצע,
און ס'שפּרינגט אַריין אין טייך
אַ דערשראָקענער רב איצי.

הערשל ווערט אַ פרעשל

אין „וואַלדהיים" איז היינט היים,
אַלע רוען אין אַ קילן שאָטן,
און די קינדער דאָרט אין טייכל
שווימען, טומלען און זיך בראָטן.

בלויז דער קליינער הערשל
שרעקט זיך גיין אין וואַסער.
ער זיצט פאַרטרויערט ביי דעם ברעג,
אפילו ניט קיין נאַסער.

ער האָט צוגעזאָגט זיין טאַטן
היינטיקס יאָר צו שווימען,
איז וואָס-זשע וועט דער טאַטע זאָגן,
אַז ער וועט מאָרגן קומען?

מיטאַמאָל שווימט אָן דער פראָש
צו אונדזער טרויעריקן הערשל:
„געָנוג זיך שרעקן, גרויסער יינגל,
איך וועל דיך לערנען זיין אַ פרעשל".

און ער ציט זיך אויס ביים ברעג,
פילט-אָן מיט לופט די ברוסטן,
טוט אַ פּאַך מיט הענט און פיס
און שווימט גלייך צו די קוסטן.

און עס טוט אויך נאָך דאָס זעלבע,
עס פּאַכעט און עס דריגעט הערשל.
און באַגלייך מיט גרינעם פראָש.
ער שווימט שוין ווי אַ קליינער פרעשל.

און ווען דער טאַטע איז געקומען
האָט ער געקוואַלן פון זיין הערשל,
ווי ער פּלושקעט זיך אין וואַסער
און שווימט ווי אַ קליינער פרעשל.

און אָפט שווימט איצט הערשל
צו דער שיינער פּיצעריצע,
וואו עס זיצט מיט לולקע אין מויל
דער וואוילער פראָש רב איצי.

ווינטער ביים טייכל

דער טאַטע האָט געבראַכט די קינדער
קיין „וואַלדהיים" ווינטער אינדערפרי.
די ביימער שטייען — ווייסער־וואונדער,
דאָס טייכל פֿרירט אין זילבער־גלי.

וואו פֿריער האָבן קנאָספּן־בלעטער
געגרינדט אַנטקעגן שטראַלן־זון,
איצט גלאַנצן שוימענדיקע בעכער
און שנייעלעך זיך צינדן אָן.

וואו פֿריער האָט דער טייך געררינען
און וואַסער־ליד געשפּילט צו הימלען,
איצט אונטער גלאָז־דעק בלוילעך דינעם
די שטראָמען גליווערן און דרימלען.

די קינדערלעך פֿאַרוואַרפֿן טאַטן
מיט גאַנצע הויפֿנס פּערלדיקן שניי.
ער קען זיין פֿרייד שוין ניט באַהאַלטן
און שפּרינקלט זשמעניעס איבער זיי.

הערשל און רייזל

הערשל מיט די לאַנגע פּיס
טרייבט די פייגל, יאָגט די האָזן.
רייזל מיט דעם פּאַסאָלקע נעזל
קלייבט די בלומען, יעטעט גראָזן.

און אַז הערשל קריגט אַ נעסט
מיט קליינע פייגעלעך צוזאַמען,
בעט זיך רייזל שטאַרק ביי אים:
„טראָג צוריק צו זייער מאַמען!"

און אַז רייזל פאַרזייט איר גאָרטן
און פייגל קומען קערנער קלייבן,
זאָגט הערשל: „זעסטו שוין,
איצט דאַרף מען שטיין און טרייבן".

און ווי נאָר זיי טרעטן אָפּ,
אַהאַ, די פייגל פּיקן ווידער.
זאָגט הערשל: „עמיצער מוז דאָ שטיין
און ניט לאָזן זיי אַנידער".

איז ער אַוועק אין שטוב אַריין,
געבראַכט דעם טאַטנס אַלטן ראָק,
צעפליקטע הויזן, גרויסן הוט
און אויפגעהאַנגען אויף אַ שטאָק.

שטייט אַ מענטש דאָרט אָן אַ פּנים,
און דער ווינט, ער פאָכעט זיינע הענט,
און די פייגל האָבן מורא קומען,
און דער גאָרטן וואַקסט און בלענדט.

זאָגט רייזל: „עס איז אונדזער גאָרטן,
לאָמיר ביידע זיך באַגריסן,
לאָמיר קלייבן בלום און גרעזער,
לאָמיר טיילן פרוכט און גרינסן!"

זיינען הערש און רייזל שותפים,
אַרבעטן אַרום די שיינע בייטן,
און אַלע פרייען זיך מיט זיי,
מיט זייערע פרוכטן, זייערע קווייטן.



אַ בלומען־קראַנץ דער מאַמען

קום, הערשל, רופט אים רייזל,
קלייבן בלומען פאַר דער מאַמען,
די גרויסע וועלן ברענגען זים
און מיר דעם הימל, זון און פלאַמען.

דו ווייסט דאָך, אַז די מאַמע ליבט
דעם דופט און שיינקייט פון די קווייטן;
אַז איר פּנים שטענדיק שיינט
ווען זי דרייט זיך אַרום בייטן.

אָט גאָלדיקן די קעפּלעך דעפּאָדילן,
אָט קלימפּערן די גלעקעלעך אין בלוי,
אָט זילבערן די שעמעוודיקע לילים
און די רויזן רויטלען זיך אַזוי.

און עס טראָגן הערש און רייזל
אַ בלומען־קראַנץ פוןביידן,
און עס גיסט זיך אָן דער מאַמעס אויג
מיט טרערנדלעך פון פריידן.

דערצייל אונדז, דערצייל אונדז אַ שיינינקע מעשה

דערצייל אונדז, דערצייל אונדז אַ שיינינקע מעשה,
פון לענדער, פון וועלדער און ימען,
פון העלדן וואָס יאָגן אויף אַגערן ווייסע
און לעשן פון היימען די פלאַמען.

דערצייל אונדז, דערצייל אונדז די אַלטע לעגענדע,
ווי מצרים געבויט האָט פיראַמידן,
ווי משה דערטרונקען האָט פרעהס גרענדע
און פון קנעכטשאַפט באַפרייט אַלע יידן.

דערצייל אונדז, דערצייל אונדז די אַלטע געשיכטע
פון לאַנד דאָרט ביים פליסיקן ירדן,
פון דעם נס פון די אַכט בוימלנע ליכטלעך,
פון מכבישן אויפשטאַנד דעם האָרבן.

דערצייל אונדז, דערצייל אונדז די נייסטע געשיכטע,
פון וואַרשעווער געטאָ און דעם יידן־רעוואָלט,
ווען אַ פאָלק געפירט צו דער שחיטה
האָט אויף די קני מער שטאַרבן ניט געוואָלט.

אַ ברכה איבער ברויט

„זאָג מיר, מאַמע, וואָס הייסט אַ ברכה?
צי איז אַ שטיקל הערינג אָרעמער פון פיש?
צי מאַכט מען גאָר אַן אַנדער ברכה,
ווען מען זעצט זיך צו צום רייכן טיש?

„זע נאָר וויפל פלייש, וויפל ברויט
עס ליגן אָנגעלייגט און אָנגעוואָרפן,
ווען אין אונדזער הויף עס קלאָגט די נויט
און קינדער גייען הונגעריקע שלאָפן?"

„מיר זיינען, קינד מיינס, דאָ בלויז געסט,
קרובים אָרעמע פון הויף פון נויט.
אַ ברכה מאַכט מען ווען מען עסט
דאָס פאַרהאָרעוועטע אייגן שטיקל ברויט.

עס וויינט מיין מאַמע

עס וויינט מיין מאַמע אינדערשטיל,
ווייל עס איז איר ווי־און־ווינד
נאָך איר אומגעבראַכטן שטעטל.
פון דער משפּחה איז געבליבן איר
בלויז איינאיינציק שוועסטער־קינד —
שלאָפט ער היינט מיט מיר אין בעטל.

און מיין מאַמע זיצט צוקאָפּנס,
האַלט די הענט אויף בײדע קעפּלעך,
וואַרט ביז קומען וועט דער שלאָף.
און איך פיל די הייסע טראָפּנס
פון אירע ציטערדיקע לעפּלעך
אויף מיין פּנים רינען־אַפּ.

עס איז מיין קאָזין מיד און צאַרט,
ליגט ער איינגעקאָרטשעט קליין,
וואַרפט זיך אין אַ שרעקעוודיקן חלום,
און מיין מוח ווייטיקט וואַך,
און מיין האַרץ עס קען פאַרשטיין,
וואָס מיינט קריג און וואָס מיינט שלום.

דער טרויעריקער לץ

איך האָב אַ טרויעריקן לץ געזען,
וואָס קאָן אַן עולם לוסטיק מאַכן,
מיט הענט פֿאַרבראָכן אין געוויין,
מיט פּיס צעשקראָבעטע וואָס לאַכן.

מיט אָנגעפּאַרבט פֿאַיאַצן פּנים,
מיט בעטנדיקע אויגן־עפּלען,
די פֿינגער זיינע צאַרטע מאָנען
אַז שמעטערלינג זאָל קומען צאַפּלען.

דער שמעטערלינג ער שוועבט אין הויך
מיט פֿאַרבן־שפּרינק פֿון רעגנבויגן.
דער לץ מיט זשמעניעס טוט אַ טויך
און פֿאַלט מיט אָרעמס אויסגעצויגן.

דער עולם פֿריידט זיך זים
פֿון אומגעלומפּערטער לצנה.
דער פֿאַיאַץ אויף פּיס צוריק
פֿליט מיט הענט צו דער לבנה.

און אַז ער האָט געכאַפּט דעם פֿלאַטער
און גלעט מיט צאַפּלדיקע פֿינגער,
די פֿליגעלעך זיי ווערן מאַטער,
דאָס חיות גרינג און גרינגער.

און עס פֿאַלט פֿון הענט אַרונטער
אַן אויסגעגאַנגענער דער פֿליטער.
די פּיס לצנישע זיי ברעכן אונטער
און קניען איבער לעצטן ציטער.

דער עולם קייכט פֿון גליק,
געלעכטער לאָזט זיך העכער הערן.
איך קוק פֿאַיאַץ אין אויגן־בליק
און זע צוויי גרויסע טרויער־טרערן.

דאָס ליד פון גרויסער נויט

אין איר גאָרטן זיצט מײַן באָבע
טרויעריק פאַרטראַכט,
און זי שעפּטשעט מיט די ליפּן,
מיט די אויגן צוגעמאַכט.

„פאַרוואָס, באָבעניו, דײַן טרויער,
מיט די ווײַנענדיקע ווערטער שטילע?"
„כהאָב פאַרלוירן טאַטע־מאַמע,
שיק איך פאַר די טויטע אָפּ אַ תּפֿילה".

„וואָס־זשע בעטסטו אין דײַן תּפֿילה
און צו וועמען דאַרף זי גיין?"
„כ'בעט רחמים פאַר יתומים,
כ'שיק אין הימל מײַן געוויין".

בײַ מײַן באָבעס גאָרטן
בין איך לאַנג געשטאַנען
און די תּפֿילה נאָכן טויט
האָב איך גישט פאַרשטאַנען.

קעגנאיבער וואוינט אַ דיכטער
אין אַ לײַוונטן געצעלט,
זיצט ער אויך פאַרטרויערט,
ליפּן שעפּטשען אין דער וועלט.

„פאַרוואָס, דיכטער, אַזאַ טרויער?
ווײַ'ט דיר עפּעס, פעלט דיר ברויט?"
„כ'טראַכט פון קינדער און מלחמה,
כ'שאַף אַ ליד פון גרויסער נויט".

„וואו געפינען זיך די קינדער,
און דאָס ליד דײַנס שיקסטו וועמען?"
„אומעטום פאַראַן יתומים,
כ'שיק צום האַרץ פון יעדן איינעם".

ביים געצעלט פון דיכטער
בין איך לאַנג געשטאַנען,
און דאָס ליד פון גרויסער נויט
האָט מײַן האַרץ פאַרשטאַנען.

דאָס ליבע־בריוול

דאָס מיידל אין דעם בלויען שטיבל
באַשוואוירן האָט מיך ניט דערציילן,
אַז כ׳טראָג איר ליבע־בריוול
צום בחור אין געצעלט דעם געלן.

כ׳האָב אָפּגעשטעלט מיין שפּאַן
ביים צוגעמאַכטן גאָרטן־טירל,
דאָס האַרץ מיינס ראָמט מיר איין:
זע וואָס אין דעם שמעקעדיקן בריוול.

די מאַמע זאָגט: אַ פּאָטשאַליאָן
טאָר נישט לייענען יענעמס וואָרט.
עס ווערט פאַרזאָגט פון אייביק אָן:
„היט אָפּ דיר־אָנפאַרטרויטן סוד״.

איך בין אַריין אין זיין געצעלט
און אויסגעשטרעקט קאָנווערט.
ער האָט פון בעט זיך אויפגעשטעלט
און לייענט וואָס אים באַשערט.

איך זע דעם בחורס שטראַלענדיקן פּנים,
די אויגן זיינע לאָזן וויסן:
זי וויל שוין ווידער ער זאָל קומען,
זי וויל זיך מיט אים קושן.

איך לויף פאַרסאַפּעט שנעל אַהיים,
כ׳וואָלט וועלן שוועל אַריבערהיפּן.
דער סוד ער דריקט מיך ווי אַ שטיין,
עס פלאַמען מיר די ליפּן.

איך האָב אַ וועלט מיט פעטערס

איך האָב אַ וועלט מיט פעטערס,
איך בין רייך מיט מומעס,
מיין טאַטנס ברידער, מאַמעס שוועסטער
וואוינען צווישן אַלע אומות.

וויל איך זיין אַ גערטנער,
פאָר איך קיין ישראל,
וואו מיין טאַטנס עלטסטער ברודער
האָט אַ גאָרטן אין אַ טאָל.

וויל איך זיין אַ קלעזמער,
כ׳ווער אַ בוקאַרעשטער,
וואו מיין מאַמעס עלטסטער ברודער
שפּילט אַ צימבל אין אָרקעסטער.

וויל איך זיין אַ זינגער,
פלי איך קיין מילאַנאָ,
וואו מיין טאַטנס יינגסטע שוועסטער
זינגט אין אָפּערע — סאָפּראַנאָ.

וויל איך זיין אַ מילנער,
פאָר איך קיין בראַזיל,
וואו מיין טאַטנס נאָך אַ שוועסטער
האָט פיל פעלדער מיט אַ מיל.

וויל איך זיין אַ העלד,
כ׳פאָר קיין סטאַלינגראַד,
וואו מיין מאַמעס יינגסטער ברודער
האָט געקראָגן אַ נאַגראַד.

וויל איך זיין אַן אַקטיאָר,
כ׳פלי קיין האָליוואוד אַריבער,
וואו מיין טאַטנס נאָך אַ ברודער
שרייבט סצענאַריאָס און לידער.

וויל איך זיין אַ שניידער,
בלייב איך אין ניו־יאָרק,
וואו מיין טאַטע אַרבעט שטענדיק,
נייט אַ וועסטל מיט אַ ראָק.

אַ גרוס פון שוואַרצן ים

געקומען ברענגען אונדז אַ גרוס
איז אַ שוואַרץ-ימלער פון דער שטאָט אָדעס,
מיט אַ מתנה פאַר דער מאַמען.
איז זיצט ער דאָרט, אַ גרויסער רוס,
פאַרזוכט דער מאַמעס ברויט מיט קעז
און רעדט פון אַלע זיבן ימען.

די שכנים זיצן אין אַ קרייז
און שלינגען יעדער רוסיש וואָרט,
וואָס קלאָגט פון ליבן גאַסט.
דער זיידע זיצט אַ שטראַלנדיקער גרייז;
די מומע פרעגט: וואָס מאַכט דער פאָרט?
צי שוועבן ווייסע זעגלען נאָך אויף מאַסט?

דער גאַסט ער שמייכלט צו דער מומע,
זאָגט, אַז אַנשטאָט זעגלען קומען דאַמפּער
מיט מענטשן, גרוז פון איבעראַל.
פון מאָלדאַוואַנקע, זאָגט ער, אַ מתנה
פון מאַמעס ברודער געבן דאַרף ער —
אַ בלימלעך-אויסגענייטן שוואַרצן שאַל.

די מאַמע טוט-אָן שאַל און פריידט זיך,
דער טאַטע שטעלט-אָן גראַמאָפאָן
און גיט אַ כאַפּ זי און ער טאַנצט.
און אָט דער גאַנצער עולם דרייט זיך
מיט ליבן ימלער אויך אין קאָן.
בלויז דער זיידע זיצט און גלאַנצט.

מיין זיידנס אַ מעשה

עס זיצט דער זיידע ביים געניי,
פֿיליעט־אײַן אַ נאָדל פֿאָדים
און איך זיץ ביי זיינע פיס
מיט פֿאַרגאַפּטן אָטעם.

און ער ציט די לאַנגע שטעך,
סטריגעוועט מיט ווייסן
און פון שמייכלדיקן מויל
קוועלט די שיינע מעשה:

— אין וואַלד געגאַנגען נאָך הושענות
איז דער שמש עוזר־שכנא
און אין טאָל אין שדים־הייל
וואוינט די אַלטע באָבע־יאַכנע.

שטייט דער שמש ביי דער ריטשקע,
רייסט די צווייגלעך אין קאַפּאָטע,
מיטאַמאָל אַ ספּריטנער רוח
שפּרינגט אַרויס פֿון גרינער בלאָטע.

„נעמט דעם שמש אָפּ דאָס לשון,
קען ניט שרייען „שמע ישראל״,
און דער טייפל כאַפּט קאַפּאָטע
און צעטאַנצט זיך איבער מאָל.

און אויף בלעטערדיקע צווייגן
שפּילן שרייטעלעך אויף פלייטן
און אַ מזיק נעמט דעם שמש
טאַנצט אַ קאָזאַק אַ צעדרייטן.

און פון סאָסנעס און פון דעמבעס
וואַקסן־אויס דאָרט פּיפּערנאָטערס
און פון הייל אַ הונדערט שדים
קומען אָן אויף בייזע קאָטערס.

גלאָצט דער שמש אויס די אויגן
און אַ שוויים פאַרגיסט זיין שטערן,
צווישן שדים און ניט־גיטע
וועט אַ סוף פון אים דאָ ווערן.

מיטאַמאָל שלאָגט־אויס אַ בערג
און עס ציטערט וואַלד און גראָז,
ס׳קומט צופליען באָבע־יאַכנע —
פייער שפּריצט פון מויל און נאָז.

און זי פאַלט אָן אויפן שמש,
און זי קנייפּט אים און זי שעלט:
„שטיי שוין אויף, דו אַלטער תרח,
כ׳האָב שוין יויך אויף טיש געשטעלט״.

עפנט עוזר־שכנא אויף די אויגן,
וויל ניט גלויבן וואָס ער זעט —
וואָס מיר שדים, וואָס מיר רוחות?
ס׳שטייט זיין כאַנצי ביי זיין בעט.

און ער הערט: עס שעלט זיין ווייב,
און ער פילט איעדן קניפּ,
און פון קיך דערגייט דער טעם
פון פלייש מיט בעבלעך און מיט קריפּ.

מאַסן — מיליאַסן

מאַסן — מיליאַסן,
פּאַנען — מיליאַנען,
און עס דונערן גאַסן
פֿון קולות וואָס מאַנען.

הער איך די רופֿן
פֿון אָרעם און נויט:
„גיט אונדז מער אַרבעט!"
„מיר פֿאָדערן ברויט!"

שטיי איך מיט טאַטן,
מיט שוועסטער און ברודער,
און עס פּלאַטערט מיין האַרץ,
אין גרויסן גערודער.

ווער איך פֿאַרציטערט
און גיב אויך אַ הילך:
„גיט אונדז מער שולן!"
„מיר פֿאָדערן מילך!"

צעפּינקלטע ספּערן

דעם ציגעלע חלומט זיך מייערן,
דעם בינעלע האָניק פֿון בלימל,
און דעבעלע טרוימט פֿון אַ שטערן
וואָס פֿאַלט פֿון צעפּינקלטן הימל.

וואָס טויג דיר אַ פֿאַלנדער שטערן?
ער האָט דאָך קיין טעם, אַראָמאַנט,
אָט גיב נאָר אַ בים פֿון די מייערן,
טו אַ זופּ פֿון די קווייטן דעם זאַפֿט.

נאָר דעבעלע שלאָפֿט נישט ביז שפּעט,
קוקט זיך איין אין צעפּינקלטע ספּערן,
און איר האַרץ ציטערט-אויף ווי קאָמעט,
פֿון דעם זייַן, פֿון דעם פֿאַל און ניט-ווערן.



אַ בוך איז אַ בוים

אַ בוך איז אַ בוים
מיט רעדנדיקע בלעטער,
אײדער אָדערל אַ פלום
מיט טינטנדיקן זאַץ.
אַ בוך איז אַ טרוים
מיט שװעבנדיקן פלאַטער,
װאָס ברענגט אַ װײטן גרוס
און רירט אָן יעדער האַרץ.

און ביכער אַלערלײ
אָנגעזאַמלטע אין שראַנקען,
װי בוימער-װאַלד אין האַרבסט
מיט שאַרלעך-גאָלד געמאָלן.
געפינסט באַצירט אין זײ
די לויטערסטע געדאַנקען,
און לערנענדיק דו גאַרסט
נאָך מענטשן-גליק און שלום.

דוד סעלצער בוך־קאָמיטעט

יעקב לוסקין, פאָרזיצער   משה הונגער, קאַסירער

מענדל נירמאַן, סעקרעטאַר

ביילים, נייטן	יאַמניק, מאַרקוס	קאָהן, סעם
גאָלדין, שיע	סטילמאַן, משה	קאָרמאַן, בעסי
גודהיים, מאַקס	סליפּצין, אהרן	ראָזן, דוד
גערצאָוויץ, דזשערי	עקסטיין, מאַקס	רובינשטיין, יוסף

רשימה פון ספּאָנסאָרס אין ניו־יאָרק און איבערן לאַנד

א.

אַבראַמאָוויץ, מאַלי און אייב
אייזענבערג, יאַשאַ
אַלמאַזאָוו, ש.
אַלף, רוביאַ און מאַרק
אָרענשטיין, סילוויאַ און אברהם
אַקערמאַן, ראָזע און אירווינג
אָראַניק, ה.

ב.

באומעל, מרים
באָטווינניק, עווי און דזשעק
באָטווינניק, אַנאַ און נייטן
באַרטניק, לילי
ברעקער, דזשין
ביילים, עטל און נייטן
בערלינער,
מרים און ריטשאַרד
ברענער, סעם
בלוסטיין, בעסי
בלאַנק, אייב
בעראָן, ראָזע
בערמאַן, חיים
בערנשטיין, יוסף

ג.

גאטפריד, מאלי
גאָלער, איידע
גאַרפילד, מערי און נייטן
גאָלדבערג, מאיר
גאָלדין, רחל און שיע
גאָלדשטיין, נינאַ
גודהיים, גאזעלא און מאַקס
גוירסאַן, פאָלין
גליקסמאַן, שוירלי און הערי
געצאָף, שמעון
געקער, ב.
גערצאָוויץ, רעי און דזשערי
גלאַזמאַן, חנה און שימשל
גרין, בער
גרינבערג, סעידי און בען
גרעי, רעי און מאָריס

ד.

דאַווידזאָן, מישאַ
דאָראַשקין, צייטל און יעקב
דוביצקי, גאָלדע
דוביצקי, דאינע און דען
דזשאַנאַוואָסקי, אברהם

ה.

האָך, רובין
האַלעבסקי, בעלאַ און מאַקס
האַלפּערן, פרומע
הונגער, לילי און משה
היימאַן, ראָזע און נייטן
העלער, בערטאַ
הערמאַן, אַנאַ און לעסטער
הערמאַן, אַנאַ און פרעד
הייקין, צילי און יוסף
הייקין, שרה און נייטן

וו.

וויניק, אידע
וויינמאַן, לעאָן
וויינמאַן, מאָזעס
ווערמאַן, סעם
וועלער, בערנאַרד

ז.

זעלצמאַן, אידיט און מאַרקוס

אָרגאַניזאַציעס

איסט פלעטבוש פּראָגרעסיוו קולטור סאָסייעטי
איסט ניו־יאָרקער משפּחה (גאַרבער־דזשענקינס)
אַטלאַנטיק סיטי פּראָגרעסיווע גרופּע
אַטלאַנטאַ, דזשאָרדזשיאַ, פּראָגרעסיווע גרופּע
בעסאַראַבער־פּאָדאָליער בענעוואָלענט סאָסייעטי
שרה באַרקאַן לייען־קרייז, מעיפּלוואוד, ניו־דזשוירזי
פּעטאַלומאַ פּרויען לייען־קרייז
פּעטאַלומאַ יידישער קולטור־קלוב
קעמפּ „וואודלאַנד"
קיבוץ יד חנה

ט.

טענקלאָוו, סעם
טשאַרגאָווער, בעלאַ און יוסף

י.

יאַמניק, מאַרקוס,
יפה, לינאַ

ל.

לובעטסקי, מיני
לוסקין, העלען און יעקב
לעזאַנסקי, פעני און איזידאָר
לעימאַן, בעסי

מ.

מאָדעל, לילי און עלעקס
מאָרגענשטערן, יוסף
מילער, לילי און ברוך
מעגדאָף, לעיקע און מאַקס
מענדאָף, ביטי און הערי
מעגדאָף, סעם
מעיגער, גאָסי און מאַקס
מעלצער, סאַל

נ.

נודעלמאַן, יאָסל
נירמאַן, ראָזע און מענדל

ס.

סאבאַראָף, מאַקס
סאַפּראַן, חנה
סווערדלין, בעקי
סטילמאַן, ראסל און משה
סטעלער, דר. ה. ב.
סטערן, אַנאַ און רעי
סימערניצקי, איסאַק
סליפּצין, ציליע און אהרן
סעלצער, מאָריס
סעלצער, עזראַ
סעלצער, לילי און הערי
סעלצער, ראָזע און סעם

ע.

עפּשטיין, א.
עקסטיין, אַנאַ און מאַקס

פּ.

פּיש, יעקב
פּעדערמאַן, סיימאָן
פּריד, פּ.
פּרידמאַן, בעסי און איציק
פּרידענטאַל, מ.

פֿ.

פֿאָדאָליאַק, אידע
פֿאָדאָלסקי, בען
פֿאָדאָלעפּסקי, סאַל

ק.

קאָהן, דזשוליא און עלעקס
קאָהן, דזשעני
קאָהן, סעם
קאַופמאַן, חנה און שמואל
קאַפּלאַן, וויליאַם
קאַפּילאָוו, מערי און היימאַן
קאַץ, וו. (קאַנאַדע)
קאַרמאַן, מערי און דניאל
קאָרנפעלד, סאַל
קושער, נינאַ און חיים
קיש, דוד (קעס)
קיש, מאָריס
קעסלער, אייזיק
קעסלער, הערי
קראַפט, סעם
קרופּניק, בערטאַ און חנוך
קרעוואַט, יוסף

ר.

ראָזן, איוואַ און דוד
ראָלער, ב.
ראַמבאַום, ס.
ראַפּאָפּאָרט, נח
ראַפּאָפּאָרט, שוירלי און יוסף
רובין, מרים מ.
רובינסקי, סעם
רובינשטיין, פעני און יוסף
ריכלין, אַנאַ און איסאַק

ש.

שאַפּיראַ, סעם
שוואַרץ, שמואל
שטיינבאַרג, דזשעק
שטיינהאַרט, סעם
שילער, דזשעני
שיינוק, א.
שיינקין, שמואל
שניידער, אידע
שעפער, פנחס